STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03405

DANKERE

H. Erlikh

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ערליך

דאַנקערע

טיפּן און עפּיזאָדן פון אַ שטעטל אין לעטלאַנד מיט 60 יאָר צוריק.

ארויסגעגעבן דורך דעם
פאַרלאַג „קאַיאָר“
יאָהאַנעסבורג
דרום־אַפריקע
תשט״ז — 1956.

"DANKERE"

—BY H. EHRLICH—

"KAYOR" PUBLISHING HOUSE
302, FOX STREET
JOHANNESBURG
SOUTH AFRICA, 1956

דעם אָנדענק
פון מיין מאַמע
שפרה־לאה.

ארויסגעגעבן אונטער דער אויפזיכט פון דער
דרום־אפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע.

אינהאַלט

דאַנקערע — 9—11

דער גביר פון שטעטל — 13—15

מיין רבי לייבע זאַגערער — 16—17

גוטע יידן — 18—20

דאָס גלויבן אין רוחות — 21—22

חתונהס אין שטעטל — 23—25

יאָקע דער לויערמאַן — 26—28

פרעמדע אָרעמעלייט — 29—31

פורים שפּילער — 32—34

דאָס האַנדל מיט לופּעטעס — 35—36

גנבים אין שטעטל — 37—38

דאָס שפּיל־קעסטל — 39—40

טעאַטער אין שטעטל — 41—42

אַ פויער שפּרעכט אָפּ עין הרעס — 43—44

הערמאַן דער פעלדשער — 45—46

פרץ דער קברות־מאַן — 47—48

אַ ייד אַן עזות פּנים — 49—50

דער מצבה־קריצער — 51—52

שיע דער מוכר ספרים׳ניק — 53—54

דער לערער — 55—56

יודל דער פורמאַן — 57—58

לייזער דער גאַרבער — 59—60

אַווראָם לייבע דער שוסטער — 61—62

מיכאל דער שניידער — 63—64

די טיפּן און עפּיזאָדן זיינען פון אַ שטעטל אין לעטלאַנד, מיט זעכציק יאָר צוריק. ביז לעצטן חורבן איז דער לעטישער ייד געווען אַ שטיף־קינד אין דער יידישער ליטעראַטור. קיינער פון אונדזערע יידישע שרייבער האָט זיך מיט אים ניט פאַראינטערעסירט. און ווען מען האָט אים יאָ דערמאָנט, איז עס געווען אַ וויץ אויפן חשבון פונעם לעטישן יידן. איז קיין וווּנדער ניט וואָס פון אַזעלכע שטעטלעך ווי: ניירע, דאַנקערע, קרייצבורג, ליוועמוזע, האָט מען כמעט ווי ניט געהערט, כאָטש די שטעטלעך האָבן געהאַט אַ היבשע יידישע באַפעלקערונג. ערשט נאָכן חורבן האָט מען זיך וועגן זיי דערמאָנט. אָבער צום באַדויערן, שוין צו שפּעט. איך ווייס אז איך האָב ווייט ניט אויסגעשעפּט דאָס לעבן פון מיין שטעטל אין יענע יאָרן. זאָל עס אָבער זיין אַן אָנדענק און אפשר אויך אַ צושטייער פאַר דעם היסטאָריקער, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיטן שרייבן די געשיכטע פון יידן אין לעטלאַנד אין יענער תקופה.

דאַנקערע

דאַנקערע איז אַ שטעטל אין לעטלאַנד, צווישן ריגע און דווינסק. געשטאַנען איז דאָס שטעטל אויפן גרענעץ פון דריי גובערניעס: פון איין זייט וויטעבסק, פון דער צווייטער זייט ליפלאַנד, און איבערן טייך, קורלאַנד. און ניט אומזיסט פלעגט מען זאָגן: אז ביי אונדז גיט אַ האָן אַ קריי, הערט מען אין דריי גובערניעס. דאַנקערע האָט אויך געהאַט דריי נעמען: אין רוסיש האָט עס געהייסן גלאַזמאַנקא; אין דייטש — טרענטלבערג, און אין יידיש — דאַנקערע. דורכדעם וואָס מיר זיינען געווען אזוי נאָענט סיי צו קורלאַנד און סיי צו ליפלאַנד, איז ביי אונדז געווען אַ גייגונג צו דייטשמערישקייט. און כאָטש די אָרעמקייט אין דאַנקערע איז געווען ניט קלענער ווי אין אַ סך שטעטלעך אין דער ליטע, איז דאָך דאָס לעבן געווען אַנדערש. איך וואָלט עס אָנגערופן א צוגעפוצטע אָרעמקייט, אַ שטייגער, ווי מען פלעגט צופוצן אַן אָרעמע וווינונג ווען מען האָט געוואַרט אויפן דאָקטאָר. די שפּראַך, חוץ יידיש, איז געווען לאַטוועש, ווי אויך צוביסלעך דייטש. די באַציאונג צווישן יידן און ניט יידן איז ביי אונדז געווען א פריינדלעכע. פון קיין אַנטיסעמיטיזם האָט מען ניט געוווסט, אפשר אויך דערפאַר וואָס דער לאַטוועש איז ניט געווען אזוי פאַנאַטיש־רעליגיעז. יידישע לאַנד־קרעמער זיינען ארומגעפאָרן אין די דערפער ווו דער פויער האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, געגעבן עסן, טרינקען און נאַכטלעגער.

דאַנקערע האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסע למדנים צי מיט גרויסע פערזענלעכקייטן, ווי מאַנכע שטעטלעך אין ליטע צי אין פוילן. עס איז געווען אַ תלמוד־תורה, אויסגע־

האַלטן פון שטאָט, ווו עס זיינען געגאַנגען די סאַמע אָרעמסטע קינדער פון שטעטל. אין איין גרויסן צימער, ביי אַ לאַנגן טיש, איז געזעסן אַ גרויסע צאָל קינדער, מערסטנטייל אָפּגעריסן, הונגעריק און באָרוועס, און ווו איין מלמד האָט געלערנט מיט אלע קינדער. איז דעריבער קיין וווּנדער ניט וואָס פון תלמוד־תורה זיינען ארויסגעגאַנגען עמי־הארצים, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געקאָנט קוים זאָגן עברי.

קיין ישיבה איז אין דאַנקערע ניט געווען. אָבער אין די בתי־מדרשים האָבן זיך שטענדיק געפונען ישיבה־בחורים, מערסטנטייל פון דער ליטע, וואָס האָבן געגעסן טעג און געלערנט פאַר זיך.

ווי אומעטום, האָט זיך ביי אונדז געפונען אַ „פּאָזשאַרנע־קאָמאַנדע", וואָס איז אין דער אמתן געווען ניט קיין פּאָזשאַרנע און ניט קיין קאָמאַנדע. אויפן מאַרק־פּלאַץ נעבן תיפלה איז געשטאַנען א הייזקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי א מתים־שטיבל, ווו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע וואַסער־טונען אויף רעדלעך, מיט אַ פּאָר קישקעס און עטלעכע לייטערס. אַ דאַנק דעם וואָס אַ שרפה אין דאַנקערע איז געווען אַ זעלטנהייט, זיינען די אינסטרומענטן געשטאַנען און געחלומט. האָט זיך ווען ניט איז געמאַכט א שרפה, איז יעדער איינער פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערלעשער. אמת, שפּעטער־צו האָט זיך די לאַגע געביטן און די „פּאָזשאַרנע־קאָמאַנדע" איז כלומרשט געוואָרן אַ מאָדערנע אינסטיטוציע, ווו מען האָט שוין געטראָגן קוקאַרדעס מיט מעשענע קנעפּ...

יחוס אין דאַנקערע האָט געשפּילט א זייער גרויסע ראָל. אזוי, למשל, האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט זען אז א מיידל פון רייכע עלטערן זאָל זיך פאַרברענגען מיט אַ זון פון אַ באַלמעלאָכע, צי פאַרקערט; אָדער אז אַ נגיד זאָל ווען ניט איז פאַרפירן אַ שמועס מיט איינעם וואָס איז ניט זיין גלייכן. עס האָט געהערשט א פול־שטענדיקע סעגרעגאַציע. ס'איז כדאי צו באַמערקן אז אין דער

ציוניסטישער באַוועגונג אין דאַנקערע, האָט, אין די ערשטע יאָרן זיך ניט געפונען קיין איין אַרבעטער, צי אַזוי אַ יוגנטלעכער פון דער שטעטלשער אָרעמקייט. דאָס ביסל ציוניסטן איז באַשטאַנען פון באַלעבאַטישע קינדער, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר אַ מינדערווערטיקייט צו מישן זיך מיט שלעפּערס...

אָנגעהאַלטן האָט די כינעזישע יחוס־וואַנט ביז עס האָבן זיך גענומען באַווייזן סימנים פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע אָנהייב דעם יאָרהונדערט, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַן ענדערונג אויך אין לעבן פון די יידן אין דאַנקערע.

* * *

שווער, זייער שווער איז געווען דאָס לעבן אין דאַנקערע. דער נגיד, ווי אומעטום, האָט געהאַט פון אַלעם גוטס. דער מיטעלער מענטש האָט ווי עס איז זיך דורכגעלעבט. אָבער די גרויסע מאָסע יידן האָט זיך געראַנגלט פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקסיסטענץ, ווו שטענדיק האָט אויסגעפעלט אויף שבת און יום־טוב. אָפּטמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די פרומקייט אין שטעטל איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אָרעמקייט, ווייל וואָס גרעסער דער אָרעמאַן איז געווען, אַלץ פרומער איז ער געווען, און ווי די שול מיטן בית־מדרש וואָלטן פאַר אים געווען אַ מין ערי־מקלט, אַן אַנטרינונג־פּלאַץ צו פאַרגעסן כאָטש פאַר אַ ווייל די נויט און דחקות ביי אים אין דער היים. און ווען איך לייען ווי עס ווערן מיט העלע פאַרבן געמאָלן אידילישע בילדער פון שטעטל, רופט עס ביי מיר ארויס אַ ביטער געלעכטער פון דער אידיליע, ווו מענטשן זיינען ארומגעגאַנגען האַלב ניט דערעסן; אַן אידיליע ווו נויט און דחקות האָבן ארויסגעשפּאַרט פון טיר און טויער; ווו דאָס גאַנצע לעבן איז געווען האַרט און גראָ. רופן אזא לעבן אַן אידיליע, קומט מיר אויס, אז עס איז ניט מער ווי אַ ביטערער חוזק...

דער גביר פון שטעטל

דער גביר פון שטעטל איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען: יונה קאַהן. געווען איז ער פון מיטעלן וווּקס, מיט א רונד שוואַרצער באָרד און געדיכטע וואָנצעס און מיט אַן אויסגעשטעלטן בויך. באַזונדערס האָט ער זיך אָנגעזען ווינטער־צייט, ווען ער האָט אָנגעטאָן די שעסקענע היטל, מיטן שעסקענעם פעלץ און מיט די טיפע באָטן. דאַן האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ רייכן פּריץ. געווען איז ער דער גבאי פון דער מתנגדישער שול, פון חברה־קדישא, ביקור־חולים, הכנסת־כלה, מלבוש־ערומים, ווו ער האָט אַלץ קאָנטראָלירט און זעלטן־ווען אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון. און ווער האָט עס גאָר געהאַט די העזה צו פאָדערן? האָט מען אַלץ איבערגעלאָזן צו אים. דערפאַר האָט ער יעדער כ״ז כסלו געמאַכט אַ סעודה פאַר די חברה־קדישא. און געווען איז דאָס שוין איינמאָל א סעודה: היגער מיט גענדז, מיט געשטאָפּטע אינדיקעס, מיט בולבע־קוגלען, מיט פאַרשיידענע פיש און הערינג. היינט ביר און בראָנפן און ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. און דער עולם, פאַרשטייט זיך, האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. מען האָט געגעסן און געטרונקען און ווידער געטרונקען ביז מען איז איינגעשלאָפן שיכורערהייט. ביי אַזא מין סעודה האָט יונה קאַהן געפונען חן ביי אַלעמען אין די אויגן. און ער אַליין האָט זיך געפילט ווי אַ ניט־געקרוינטער מלך...

שמיני־עצרת ביינאַכט, האָט מען אים, דעם גבאי, געפירט אין שול אריין מיט אַ גוואַלדיקער פּאָמפּע. קינדער זיינען געגאַנגען

מיט באַלויכטענע פּאַנעס און די עלטערע מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט. מען האָט געטאַנצט און געזונגען ווי עס וואָלט געווען די גרעסטע שמחה. גייענדיק פון שול, איז מען געקומען צו אים אַהיים, וווּ מען האָט געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַ דאַנק דעם וואָס יונה קאַהן האָט געהאַט צוויי גרויסע געשעפטן, אַ שניט־קראָם און אַ לעדער־קראָם, זיינען אַלע באַלמעלאָכעס פון שטעטל געלעגן ביי אים פאַרמשכונט פון קאָפּ ביז די פיס. און דאָ וויל איך עפּעס דערציילן וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

מיין טאַטע, אַ באַלמעלאָכע, אַ שוסטער, באַזונדערס ווינטערצייט ווען אַרבעט איז געווען ווייניק און לעבן ווי ניט איז האָט מען געמוזט, פלעגט ער נעמען דאָס ביסל זילבער וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון דער חתונה און עס פאַרזעצןביים גביר יונה קאַהן. און ווען עס איז געקומען נאָענט צו פּסח און אַרבעט איז געווען מער, פלעגט ער דאָס ביסל זילבער אַרויסנעמען, און שפּעטער, פאַרשטייט זיך, ווידער פאַרזעצן.

האָט זיך גראָד געמאַכט אין דעם יאָר, אַז ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט אַרויסנעמען די משכנות. און דאָ ליגט שוין דער פּסח אויפן נאָז. האָט מיין טאַטע באַשלאָסן צו בעטן דעם גביר אויסצולייען דאָס אייגענע ביסל זילבער ביז נאָך פּסח. אַזוי ווי ער אַליין האָט זיך געשעמט צו גיין צום גביר דאָס בעטן, האָט ער מיך, נאָך גאָר אַ קינד, געשיקט מיט דער שליחות. איך בין אַוועקגעגאַנגען צו יונה קאַהן, און שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן: ר׳ יונה, מיין טאַטע האָט מיך געשיקט פרעגן צי איר קענט אים ניט לייען זיינע זילבערנע בעכערלעך מיט די לעפלען ביז איבער נאָך פּסח, גלייך נאָך יום־טוב וועט ער אייך אומקערן צוריק.

ר׳ יונה האָט אויף מיר אַנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן. אָפּגעמאָסטן ווי גרויס איך בין און נאָכדעם צו מיר אַ זאָג געטאָן: —

יינגעלע, גיי אהיים און זאָג דיין טאַטן, אז ער זאָל מיר פריער באַצאָלן וואָס מיר קומט, נאָכדעם וועט ער קריגן זיינע בעכערלעך.

געקומען אַהיים בין איך מיט טרערן אין די אויגן און איבער־דער׳ציילט וואָס ר׳ יונה האָט געזאָגט. מיין טאַטע האָט גע־שוויגן. מיין מאַמע, אָבער, אַ זייער צאַרטע פילנדיקע נשמה, האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן. יענער פסח איז ביי אונדז געווען אַ פאַר־שטערטער...

דער אינצידענט איז פאַרבליבן טיף אין מיין זכרון. און ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין שטעטל, קומט מיר ארויף אויפן זינען דער גביר יונה קאַהן, מיט דעם שעסקענעם היטל און מיטן ברייטן שעסקענעם פעלץ, און ווי ער זאָגט צו מיר: — יינגעלע, גיי אַהיים און זאָג דיין טאַטן...

מיין רבי לייבע זאַגערער

שוין דער נאָמען אַליין איז געווען גענוג אַרויפצוואַרפן אַ שרעק אויף די חדר־קינדער פון שטעטל, ווייל זאַגערער איז ענלעך צו „זשאַגערעס״, וואָס האָט ביי אונדז געהייסן וויצעס, רייטער. ניט אומזיסט האָט מען פאַר אים זיך געשראָקן. דאָס איז געווען אַ ייד אַ טיראַן. ער האָט די קינדער פשוט געממיתט. זיין איינציקער וועג ווי אַזוי אַריינצוקלאַפּן די תורה אין קאָפּ, איז געווען דורך קלעפּ. און קלעפּ האָט לייבע זאַגערער ניט געזשאַלעוועט. די מיטלען מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט זיינען געווען פאַרשיידענע: שמייסן מיט אַ רימען, בוכצענען אין רוקן, אויסקנייפּן שטיקער פליש, שטעכן מיט אַ לאַנגן שפּיציקן טייטל, פּאַטשן אין די באַקן און דרייען פאַר די אויערן, ביז עס איז געוואָרן געשוואָלן. און אַז עס האָט זיך אים פאַרוואָלט נאָך מער צו באַשטראָפן, האָט ער אָנגענומען אַ יינגל פאַר ביידע אויערן און אים אויפגעהויבן אין דער הויך, און עס האָט אים ניט גע־ קימערט צי דער יינגל שרייט פון ווייטיק. ער האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע.

האָט אַמאָל פּאַסירט אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יינגל, וואָס איז געווען געזונט און שטאַרק און דערצו נאָך אַ גרויסער עקשן, און גראָד דעם יינגל האָט זיך דעם רבין פאַרוואָלט, גאָר איבער אַ קלייניקייט, צו שמייסן. און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דער יינגל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם רבין פאַרן באָרד און אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אַז דער רבי איז געבליבן ליגן פאַרבלוטיקט. אין חדר איז געוואָרן אַ טומל,

עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן שכנים פון ארום און מען האָט דעם רבין ארומגעוואַשן דאָס בלוט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס מיר, חדר־ייִנגלעך, האָבן גענומען פון רבין נקמה. אָבער אפילו דער אינצידענט האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן צו שלאָגן די קינדער ווייטער.

אָבער ניט נאָר ער פלעגט שלאָגן, ער פלעגט אויך שילטן און זידלען די קינדער, אַ שטייגער, ווי: פּאַרפוילט זאָלט איר ווערן, פאַרברענט זאָלט איר ווערן, בויאַנעס, פּראַכוואַסטן (שמוץ־רייני־קער) און אנדערע „שיינע" נעמען. איך ווייס ניט, אפשר האָט דער סאַדיזם ביי אים זיך גענומען פון דעם וואָס ער איז געווען אַ קרענקלעכער. דאָס מויל ביי אים איז געווען פאַרקרימט אָן אַ זייט. אויך פלעגן אים די פיס אָפּט געשוואָלן ווערן, אַזוי אַז איין ייִנגל פלעגט אים ארויפקאַשערן די הויזן און, אַ צווייטער ייִנגל האָט מיט אַ געגנדזענער פעדער געטונקט אין קעראָסין און געשמירט אים די פיס.

ניט קוקנדיק אויף די אַלע אינקוויזיטאָרישע מיטלען האָט ער שטענדיק געהאַט אַ פולן חדר מיט תלמידים. ווייל די טאַטעס (ניט די מאַמעס) האָבן געגלויבט אַז אַ רבי שלאָגט, מיסתמא דאַרף ער שלאָגן, ווייל אָן קלעפּ, קאָן מען קיין זאַך ניט זיך אויסלערנען...

איך געדענק ניט אויב פון זיין חדר זיינען ארויסגעקומען גרויסע למדנים, אָבער קאַליקעס, פּשוט פיזישע קאַליקעס, זיינען פון אים ארויס גאָר אַ סך: ווער מיט אַ קרומען רוקן, ווער מיט אויערן, וואָס זיינען אָפּגעשטאַנען ווי ביי אַן אייזל, און ווער גלאַט מיט אַ מום. און כאָטש עס זיינען שוין פאַרביי אַזויפיל יאָרן, גע־דענק איך נאָך אַלץ מיין רבין, לייבע זאַגערער, דעם בייזן ייִדן, ווי ער גייט ארום איבערן חדר, דורקעט די קינדער אין רוקן און שרייט: — בויאַנעס, פּראַכוואַסטן, פּאַרפוילט זאָלט איר ווערן...

גוטע יידן

פון צייט צו צייט פלעגן אין דאַנקערע אויך קומען חסידישע רביים, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן: „גוטע יידן". אין וואָס זייער גוטסקייט איז באַשטאַנען, האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטיין. דער לעצטער פון די „גוטע יידן", וואָס איז ביי אונדז געווען, ווי ווייט איך געדענק, איז געווען דער טאָמאַשאָווער רבי. אויסגעזען האָט ער ווי ער וואָלט ווייניק געקלערט פון עולם הבא און מער פון עולם הזה. געהאַט האָט ער א רויטן פּנים, אַ פעטן קאַרק, פליישיקע הענט און אַ גרויסן בויך.

געקומען איז ער ניט אַליין, נאָר מיט אַ גאַנצער סוויטע משרתים: איינער, וואָס שרייבט די קוויטלעך, אַ צווייטער, וואָס נעמט צו די קוויטלעך, אַ דריטער, וואָס גיט איבער די קוויטלעך, און דערצו נאָך האָט ער מיטגעפירט אַן אייגענעם חזן, וואָס האָט שבת געדאַוונט פאַרן עמוד. די סדרה פון דער וואָך האָט גע־לייענט דער רבי אַליין. און איך געדענק אז דאָס איז גראָד גע־ווען די פרשה בשלח, ווו ער האָט געשריען: „שלח את עמי ויעב־דני". און געשריען האָט ער ווי ער וואָלט אויף עמעצן גוזר געווען מקיים צו זיין באַפעל... איינגעשטאַנען איז דער רבי אין אַ הויז פון אַ פּאָר פאָלק וואָס האָבן ניט געהאַט קיין קינדער און צוליב דעם זכות האָט ער זיי מבטיח געווען, אז אין אַ יאָר ארום זאָלן זיי האָבן אַ קינד. און ווען די ברכה איז ניט מקוים געוואָרן, איז דער מאַן, אַ היימישער קצב, אריין אין אזא כעס, אז ווען דער רבי וואָלט געווען דערביי, וואָלט ער זיך אוודאי מיט אים אָפּגערעכנט...

צום גוטן יידן זיינען מערסטנס געגאַנגען די אָרעמסטע שיכטן פון שטעטל. איינער איז געקומען בעטן אויף פרנסה. א צווייטער איז געקומען באַקלאָגן זיך אויף דעם געזונט. אַ דריטער איז געקומען בעטן, דער רבי זאָל אים צושיקן אַ חתן פאר זיין טאָכטער. און אזוי ווייטער און ווייטער. און דער רבי האָט אַלעמען אויסגעהערט און מבטיח געווען אז אַלץ וועט מקוים ווערן.

אָנקומען צום רבין איז געווען ניט קיין ביליגער ענין. דער קוויטל־שרייבער האָט גענומען 25 קאָפּיקעס פאַרן שרייבן. דער שמש האָט גענומען 25 קאָפּיקעס פאַרן לאָזן שרייבן. און דער, וואָס איז געשטאַנען ביים רבינס טיר, האָט גענומען 25 קאָפּיקעס פאַרן עפענען און פאַרמאַכן די טיר. אמת, דער רבי אליין האָט קיין געלט ניט גענומען. דערפאַר אָבער איז אויפן טיש געשטאַנען אַ פושקע מיט אַן אויפשריפט: „לטובת דעם רבין״. און דאַ, פאַרשטייט זיך, איז 25 קאָפּיקעס ניט געווען גענוג.

פאַר דער צייט וואָס דער גוטער ייד איז געווען אין דאַנקערע, איז דאָס שטעטל געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. אַלץ וואָס מען האָט געהערט איז געווען: נו, שוין געווען ביים רבין? געזען אים? ווי דאָס גיין צום רבין וואָלט געווען אַ געבאָט פון דער שעה. און אויב א מתנגד אַ לץ האָט זיך געגעבן אַ קרים און אַ זאָג געטאָן אז ער גלויבט ניט אין רבין מיט זיינע וווּנדער, האָבן די חסידים אויף אים געקוקט ווי אויף אַן אפיקורוס. וואָס הייסט ניט גלויבן אין רבין?...

שבת איז דער רבי געגאַנגען אין שול מיט אַן ערנוואַך פון חסידים. דער רבי איז געגאַנגען אין מיטן און די חסידים ארום. און אזוי גייענדיק האָט דער רבי אַלע ווײַלע ארויסגעלאָזן אַ קרעכץ און אַ טיפן זיפץ, און יעדער קרעכץ איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די חסידים און איז אויסגעטייטשט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים.

ה. ערליך

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז געווען זיך צוצוקוקן ווי אזוי דער רבי האָט געטיילט שיריים, און ווי אזוי יידן מיט בערד זיינען געלעגן איבערן טיש און געזוכט צו כאַפּן אלץ וואָס מער פון די שיריים...

דאָס גלויבן אין רוחות

דאָס גלויבן אין שדים, רוחות און גילגולים איז געווען איינ־געגלויבט ניט נאָר ביים המון, דעם פּראָסטן עולם, נאָך אויך ביי די העכערע שיכטן פון פאָלק. אלס אַ ביישפּיל וויל איך ברענגען דעם פאָלגענדיקן עפּיזאָד:

איך האָב געלערנט ביי אַ רבין, איז ער געווען אַ פאַרברענטער חסיד. זיין גלויבן אין רביים און „גוטע יידן" איז געווען אָן אַ גרע־נעץ. ווינטער־צייט, בין השמשות, איידער מען האָט אָנגעצונדן פייער, פלעגט דער רבי זיצן און דערציילן אונדז קינדער די גוואַל־דיקע וואונדער פון די „גוטע יידן": ווי אזוי איינער האָט זעענדיק געמאַכט אַ בלינדן, אַ צווייטער האָט אויסגעהיילט אַ קאַליקע, אַ דריטער האָט ארויסגעטריבן אַ גילגול און נאָך אזעלכע ניסים ונפלאות, וואָס האָט ביי אונדז, קינדער, ארויסגערופן די גרעסטע התפּעלות.

זייענדיק אליין, — די פרוי זיינע איז געבליבן אין דער ליטע — איז ער געווען געצווונגען צוצוגרייטן דאָס עסן פאר זיך. האָט ער מיך איינמאָל געשיקט אין בעקעריי צו קויפן פאר אים אַ זיס־זויער ברויט. גיי איך און חזר זיך: — זיס־זויער ברויט, זיס־זויער ברויט, און קומענדיק אין בעקעריי האָב איך ווי אויף להכעיס פאַר־געסן אָן דעם אָנזאָג, און אנשטאָט אַ זיס־זויער ברויט האָב איך גע־קויפט אַ געוויינטלעכן ברויט. ווען דער רבי האָט דאָס דערזען, האָט ער אויף מיר געגומען שרייען: — איך האָב דאָך דיר גע־הייסן ברענגען אַ זיס־זויער ברויט, גיי שוין צוריק און בייט עס

אום. און ווי איך נעם אזוי גיין דורך דער טיר, רופט ער מיך צו־ריק. ניין, זאָל עס בלייבן! גיט ער הויך אַ זאָג. עס איז רעכט אַז אין דעם ברויט געפינט זיך אַ גילגול, און דורכדעם וואָס איך וועל אויף דעם מאַכן אַ המוציא, און איר, קינדער, וועט זאָגן אמן, וועט מיר באַשערט זיין מתקן צו זיין אַ פאַרוואָגלטע נשמה...

דערהערט אז אין חדר געפינט זיך אַ גילגול, איז אויף אונדז, קינדער, אָנגעפאַלן א שרעק. יעדער איינער פון אונדז האָט גע־מיינט אז אָט, אָט פליט דער גילגול אריין אין אים. און מיר האָבן אַלע פאַרמאַכט די מיילער און פאַרקוועטשט די נעזער אז דער גילגול זאָל ניט קענען ארייַנפליען. דערזעענדיק אונדזער שרעק, האָט דער רבי אונדז פאַרזיכערט אז עס וועט אונדז קיינעם ניט שאַטן, ווייל אין א חדר, וווּ עס לערנען קינדער, האָט אַ גילגול ניט קיין שליטה...

אַ צווייטן מאָל האָט פאַסירט: איינמאָל גייענדיק פון חדר שפעט אין אָוונט אין אַ מיטוואָך ביינאַכט סוף־חודש. עס איז גע־ווען שטאַרק פינצטער און אַ שטורם־ווינט האָט געבלאָזן. עט־לעכע קינדער האָבן ניט ווילנדיק פאַרבלאָנדזשעט און געקומען אהיים א ביסל שפעטער ווי געווייינטלעך. ווען דער רבי האָט אויף מאָרגן זיך דערפון דערוווסט, האָט ער גלייך פאַרטייטשט וואָס דאָס מיינט און דערקלערט אז מיטוואָך ביינאַכט און נאָך אין סוף חודש דערצו, האָבן די שדים דאַן שליטה, און דעריבער דאַרף מען אַכטונג געבן אז די ציצית זאָלן זיין כשר, ווייל אויב ניט, קאָ־נען די שדים חס ושלום מזיק זיין. און פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט מיט איינעם אַ גוטן יידן, וואָס איז איינמאָל אַ מיטוואָך ביינאַכט געגאַנגען אליין און די שדים האָבן אים ארומגערינגלט און געוואָלט אים מזיק זיין. נאָר ווי ער האָט דערמאָנט דעם שם המפורש, האָבן זיך די מזיקים דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן...

חתונהס אין שטעטל

חתונה מאַכן אַ מיידל, אָדער ווי מען פלעגט זאָגן: אויסגעבן אַ מיידל, איז, אין דער אַלטער היים, פאַר דעם אָרעמען מענטשן, געווען אַ גרויסע לאַסט. און ווער רעדט נאָך ווען אַ פאָטער האָט פאַרמאָגט פיר צי פינף טעכטער. עס איז באמת שווער צו באַשרייבן וואָס עס האָט געמיינט ארויסצופטרן אַ מיידל פון הויז. דאָס וואָרט נדן איז געהאַנגען ווי דער דאַמאָקלעס שווערד איי־בערן קאָפּ פון טאַטע־מאַמע. אָן נדן האָט אַ מיידל אָפּט געקאָנט פאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ אריין, סיידן זי האָט חתונה געהאַט דורך ליבע. עס זיינען געווען אַזעלכע חתנים וואָס האָבן אפילו געפאָדערט איינצולייגן דעם נדן ביים רב, איידער ער גייט צו דער חופה. אָבער דער גרעסטער טייל האָט זיך ווי עס איז געלאָזט נאָרן און איז געווען צופרידן צו קריגן כאָטש אַ העלפט פון נדן, וואָס מען האָט אים פאַרשפּראָכן. און ניט אומזיסט פלעגן די מיידלעך זינגען:

פריי זיך, פריי זיך, מיידעלע,
אָפּגענאַרט אַ חתן.
צוגעזאָגט אַ הונדערטער,
געגעבן נאָר אַ גראָשן.

אַ חתונה איז געווען אַ יום־טוב אין שטעטל, כאָטש דירעקט האָט עס אָנגערירט נאָר אַ קליינעם טייל. צו דער חופה זיינען

געקומען ניט נאָר מחותנים, נאָר אויך א סך פרעמדע. חופות אין דאַנקערע זיינען זעלטן ווען פאָרגעקומען אין אַ הויז, צי אפילו אויפן שול־הויף, נאָר אונטערן פרייען הימל. האַלטן די חופה־שטאַנגען איז געווען די פריווילעגיע פון די ווייסע חברהניקעס. שטענדיק זיינען זיי געווען פון די ערשטע מחותנים אויף אַ חתונה. און טאָמער האָט מען זיי מיט עפּעס פאַרזען, איז פשוט געווען סקאַנדאַלן.

קיין קלעזמער זיינען ביי אונדז ניט געווען. האָט מען זיי באַדאַרפט ברענגען פון אַ דערבייאיקער שטאָט, קרייצבורג. די קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון אַ פידל, אַ טרומייט, אַ באַס און אַ צימבל. נאָך היינט זע איך פאַר זיך מאָשקע דעם פידלער, אַ יידעלע גרויס, ווי אַ געגעץ, מיט אַ פידל, וואָס איז געווען באַלד גרעסער פון אים, ווי ער שפּילט דעם דאַברידזיען צו כלה־באַדעקנס און ווי די מחותנים פון כלהס צד באַגיסן זיך מיט זודיקע טרערן.

אַ קאָמישע פיגור איז געווען בנימין דער צימבלער. דער שפּיץ נאָז איז ביי אים געווען פאַרריסן אין דער הויך, און פון ביידע זייטן נאָז זיינען געוואַקסן אַזעלכע שפּיציקע הערלעך, ווי ביי אַ יאָז. וואָנצעס האָט ער געהאַט, ווי די האָר פון אַן אָפּגעריבענער באַרשט. און ווען ער האָט גענומען פירן מיט די צוויי שטעקלעך איבערן צימבל, האָט עס אויסגעזען ווי איבערן צימבל שפּרינגען ארום קליינע מייזעלעך. אין א שפּעטיקע שעה, ווען ער איז געווען מיד און שלעפעריק, האָט ער געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, און די הענט האָבן געצימבלט פון זיך אליין. געווען איז ער ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן. און דאָך איז ער שטענדיק געווען אַ מיטגליד פון דער קאַפּעליע.

ווי אומעטום, אזוי אויך ביי אונדז, איז געווען די מאָדע פון וואַרפן דרשה־געשאַנק. די נאָענטע און רייכערע מחותנים האָבן געגעבן: ווער אַ זילבערנעם בעכער, ווער אַ לעפל, אַ טאַץ, אויער־רינגלעך, אַ דעקע און אַנדערע זאַכן. די וויטערע מחו־

תנים האָבן געשיקט, ווער אַ טאָרט, אַ שטריצל (אַ גרויסע גע־פלאָכטענע קיטקע), און די אָרעמערע מחותנים האָבן געשיקט אַ ברוינעם לעקעך, ווייל עס האָט געקאָסט ביליגער.

ביי די רייכע האָט אַ חתונה אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. ביי די אָרעמע לייט אָבער האָט עס אָנגעהאַלטן אַ וואָך און מער, ווו מען האָט זיך שטאַרק משמח געווען און, ניט ווילנדיק, פאַרגעסן אַ ווייל אָן די זאָרגן...

יאָקע דער לויערמאַן

(קאַטערינשטשיק)

יאָקע איז געווען איינער פון די געצײלטע היימישע אָרעמע־לייט וואָס איז געגאַנגען איבער די הייזער אין שטעטל גופא. יאָקען האָבן שוין אַלע געקענט. א הויכער, אַ טונקעלער, עטוואָס איינ־געבויגן און מיט אַ ביסל אַ שעמעוודיקן פּנים. מאַנכע האָבן אפילו געמורמלט: „אַ מענטש געזונט ווי אַ שטעקן און גייט איבער די הייזער, קראַנק איז ער צו זוכן עפּעס וואָס צו טאָן?" נאָר יאָקען האָט עס ניט געקימערט: זיין באָבעס דאגה, זאָל מען ריידן. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אזוי צוגעוווינט, אז אריינקומענדיק אין אַ הויז, האָט מען אים שוין געטראָגן די נדבה אַנטקעגן און אין מאַנכע הייזער איז ער אפילו געוואָרן אַן אַנגעלייגטער גאַסט, פאַר וועמען די באַלעבאָסטע האָט זיך געקענט אויסריידן איר ביטערע מערכה, ווי פאַר אַן אייגענעם מענטשן.

יאָקע איז געווען שוין ניט קיין יונגערמאַן, אַ בחור טיף אין די דרייסיקער. האָט ער זיך מיט אַמאָל באַדאַכט, אז עס איז שוין צייט פאַר אים חתונה צו האָבן. וועגן פּרנסה האָט ער זיך שטאַרק ניט געזאָרגט. אַנשטאָט צו גיין איינמאָל אַ וואָך איבער די הייזער, וועט ער גיין צוויי מאָל אַ וואָך. און חוצדעם קאָן די ווייב אויך צוהעלפן. פאַר אַ קורצער צייט איז יאָקע ווי פאַרפאַלן געוואָרן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך באַוויזן מיט א פרוי ביים זייט. אמת, קיין צו־גרויסע פאַרשוין איז זי ניט געווען, דערצו

נאָך בלינד אויף איין אויג. דערפאַר אָבער האָט זי פאַרמאָגט גאַנ־צע פופציק רובל, און דאָס האָט יאָקען ווי פאַרכישופט.

נאָך דער חתונה האָט ער געגומען קלערן וואָס צו טאָן מיט די פופציק רובל, ביז ער האָט באַשלאָסן זיך איינצוקויפן אַ לויער־קאַסטן (קאַטערינקע). פון דעמאָלט אָן איז יאָקע געוואָרן שטאָלץ ביי זיך. אַנשטאָט צו גיין ווי שטענדיק איבער די הייזער, האָט ער איצטער מיטן לויער־קאַסטן זיך אָפגעשטעלט אויפן גאַס. ביי די קראָמען, געדרייט מיטן הענטל און עס האָט געשפּילט. אָפּגע־שפּילט, איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן היטל אין האַנט און צוזאַ־מענגעקליבן די נדבות. דער לויער־קאַסטן האָט פאַרמאָגט נאָר איין ניגון. און אַזוי ווי דאָס איז ניט געווען גענוג, האָט ער צוגע־זונגען אַ ליד, צוערשט אין אַ צעהרגעטן רוסיש, און נאָכדעם אי־בערגעזונגען אין יידיש:

פּאָנע־פּראַסנע, מאַילציק כאַדעש,
פּאָנע־פּראַסנע, נאַשקע באַיאַש,
ניצעוואַ, טי נע פּאַלוצעש,
דוראַק דאַמאַי פּאַידיאַש . . .

אינגאַלע ווו גייסטו,
וואָס ברעכשטע דיינע פיש
ווענסטאַך גאַרנישט קריגן
דיין גאַנג איז גאַר אומזיסט . . .

געקינדלט האָט יאָקעס ווייב צוויי מאָל אַ יאָר, — אַזוי פלעגן די ווייבער לאַכן צווישן זיך, — צום באַדויערן אָבער, האָט זיך ביי זיי קיין קינדער ניט אויפגעהאַלטן, און דורכדעם איז דער שלום־

בית געשטערט געוואָרן. ער האָט געטענהט אז דאָס איז איר שולד, און זי האָט געטענהט אז דאָס איז זיין שולד. געהאַלטן האָט עס דערביי אז זיי זאָלן זיך גטן. האָט זי אָבער געפאָדערט די פופציק רובל צוריק, און אזוי ווי ער האָט עס ניט געהאַט, האָבן זיי געמוזט ניט ווילנדיק לעבן צוזאַמען און... קינדלען.

ערב יום טוב פלעגט אים די ווייב אויך צוהעלפן מיט חיונה און גיין איבער די הייזער. אריינקומענדיק אין אַ שטוב, פלעגט זי זיך פאָרשטעלן אז זי איז יאָקעס ווייב. און ווער האָט געהאַט דאָס האַרץ אָפצוזאָגן אַ היימישן אָרעמאַן?...

פרעמדע אָרעמעלייט

ווי אַ סך שטעטלעך, איז אויך דאַנקערע, שטענדיק געווען באַלאַגערט מיט פרעמדע אָרעמעלייט. ארומגעגאַנגען זיינען זיי פון הויז צו הויז מיט טאָרבעס אויף די פלייצעס, בעטנדיק נדבות. אריינקומענדיק — פלעגן זיי באַגריסן מיט אַ גאָט־העלף און זאָגן: — „גיט עפּעס אַן אָרעמאַן אַ נדבה". אַנדערע פלעגן גאָרניט ריידן, נאָר בלייבן שטיין ביים טיר און וואַרטן ביז מען האָט זיי עפּעס געגעבן. די נדבות זיינען באַשטאַנען פון צעטעלעך אין דער ווערט פון אַ פערטל גראָשן וואָס די חברה לחם־אביונים פלעגט ארויס־געבן, אָדער פון אַ מייטשע ברויט. און ווען די טאָרבע איז גע־וואָרן פול מיט ברויט, האָבן די אָרעמעלייט עס פאַרקויפט צו די דערבייאיקע קריסטן, אָדער צו די באַלעבאָסטעס וואָס האָבן גע־האַלטן בהמות.

געגאַנגען זיינען זיי איינציקווייז. עס האָט אָבער אויך פּאַ־סירט אז עס זיינען געגאַנגען מאַן און ווייב צוזאַמען. דאַן האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ טאָפּלטע נדבה. און ווען מען האָט זיי ניט געגעבן, זיינען זיי ארויסגעגאַנגען שילטנדיק מיט טויטע קללות, אַ שטיי־גער ווי — „די ווערים זאָלן אייך עסן", „גיין זאָלט איר אין די הייזער אויף אלע פיר", „איר זאָלט קרענקן אפילו נאָכן טויט" און אַנדערע וואַזשנע קללות...

עס איז אויך געווען אַ שענערער טיפּ אָרעמעלייט. די שיינ־קייט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי זיינען געגאַנגען בעסער

אַנגעטאָן און זיך געהאַלטן אידעלער און אנשטענדיקער. יעדער פון זיי האָט עפּעס געהאַט צו דערציילן: איינער — אַ נשרף; אַ צווייטער — אַ געפאַלענער באַלעבאָס; אַ דריטער — האָט גע־דאַרפט חתונה מאַכן א טאָכטער און אזוי כסדר. צו דעם טיפּ אָרעמעלייט וואָלטן אפשר אויך באַדאַרפט צוגערעכנט ווערן מאַנ־כע פון די פּיעכאָטנע מגידים, וואָס פלעגן גיין צו־פוס פון שטעטל צו שטעטל האַלטן דרשות און אויף מאָרגן האָבן צווי באַלעבאַטים באַדאַרפט ארומגיין מיט אַ רויטן טיכל איבערן שטעטל צו קלייבן נדבות. אין דער אמתן זיינען עס געווען גלאָריפיצירטע אביונים, נאָר אונטער אַן אַנדער נאָמען...

עטלעכע מאָל אין יאָר, פלעגט זיך אויך אראָפּלאָזן א בלינדער ייד, געפירט פון אַ יונגן ייִנגל, מיט אַ פידל אין האַנט. ארייִנקו־מענדיק אין אַ הויז האָט ער ניט געוואַרט אויף קיין איינלאַדונג, נאָר גלייך גענומען זינגען און שפּילן אויפן פידל. דאָס פּאָפּולער־סטע ליד איז געווען „דאָס אויג“, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי פערזן. איך ברענג דאָ די ערשטע צוויי:

וויִ שיין און ווי פיין דו זעסט אויס אינגאַנצן
צו קוקן אויף דיר איז אַ פּראַכט.
ווי צוויי דימאַנטן די אויגן זיי גלאַנצן
זיי שיינען בייטאָג און ביינאַכט.

פריידן און ליידן, דאָס אויג אין זיך טראָגט
גליקליך איז דער וואָס די אויגן פאַרמאָגט.
— טאָ זאָג זשע מיר, דו אויג,
וואָס איז מיט דיר דער מער,
אַז ווען דו לאַכסט מיט גרויס פרייד
רינט פון דיר אַ טרער...

אגב, ריידנדיק וועגן אָרעמעלייט, איז אינטערעסאַנט צו דער־ציילן אזא מין פאַל: אַן אָרעמאַן פון אַן אַנדער שטעטל האָט ביי אונדז געהאַט די חזקה מען זאָל אים אויפרופן צו דער תוכחה און דערפאַר קריגן פופציק קאָפּיקעס. האָט ער זיך איינ־מאָל איינגעשפּאַרט און געפאָדערט אַ גאַנצן רובל. אין שול איז געוואָרן א טומל, עס איז אָבער קיין ברירה ניט געווען און מען האָט אים געמוזט צוזאָגן אַ גאַנצן רובל. נאָך דעם אינצידענט האָט זיך אָפּגעזוכט אַ טויבער ייד פון שטעטל גופא, וואָס איז געווען צו־פרידן מיט פופציק קאָפּיקעס.

פורים־שפּילער

ריידנדיק וועגן מיין שטעטל, וויל איך פאַרצייכענען דעם איינדרוק וואָס דער יום־טוב פורים האָט אויף מיר געמאַכט.

דער שענסטער יום־טוב איז פאַר מיר, אלס קינד, געווען פורים. ערשטנס, די המן־טאַשן. נייגעריק פלעג איך שטיין און קוקן ווי מיין מאַמע, אין אַ ווייסן פאַרטוך, שטויסט די מאָן אין אַ סטופּע און אַלע ווילע גיט זי מיר אַ לעק מאָן צו פאַרזוכן. און כאָטש די מאָן איז ביטער, האָב איך אָבער דערפון אַ הנאה און באַלעק זיך געשמאַק. צווייטנס, דער המן־דרייער, וואָס מיין פעטער צאַלע פלעגט פאַר מיר מאַכן יעדן יאָר אַ נייעם. דרייענדיק מיטן המן־דרייער פלעגט זיך מיר אויסדאַכטן, אז נעבן מיר שטייט המן און קוקט און לאַכט וואָס איך, אַ יינגל, וויל אים פאַרדרייען דעם קאָפּ. דריטנס, די פורים־צאַצקעס. די צוקערנע ענטעלעך מיט די קאַטשקעלעך, און איבערהויפּט די הענדעלעך פון וועלכע איך האָב געקאָנט ארויסקרייען אַ לאַנגן קוקעריקו. היינט די זייגערלעך, כאָטש איך ווייס אז עס איז געמאַכט פון צוקער, גיב איך פון דעסטוועגן אַלע ווילע אַ קוק וויפל דער זייגער איז. דאָס האָב איך געפּרווט נאָכמאַכן די גרויסע מיט זייערע אמתע זייגערס. היינט נעמט דאָס שיקן שלח־מנות. מיט אויסגעשטעלטע אויגן פלעג איך שטיין און וואַרטן ווי אזוי עס קומט אריין א יינגל מיט אַ טעלער איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טיכל און טוט אַ זאָג: „גוט פורים. מיין מאַמע האָט אייך געשיקט שלח־מנות". און די מאַמע דעקט אָפּ דאָס טיכל, נעמט ארויס דאָס שלח־מנות און לייגט דאָרט אריין עפּעס אַנדערש.

דער עיקר, אָבער, איז געווען די פּורים־שפּילער. מיט קינ־דערשער התפּעלות האָב איך צוגעקוקט ווי אזוי די פּורים־שפּילער קומען אריין אין א הויז, פריילעך, לעבעדיק, זינגנדיק און טאַנ־צנדיק. פאָרויס גייט ישראל דער קוימען־קערער: אַ הויכער ייד, פאַרשטעלט פאַר מרדכי, מיט אַ דריי עקיקן הוט געמאַכט פון טעקטור, מיט אַ לאַנגער צוגעקלעפּטער באָרד, וואָס זעט אויס ווי אַ בעזעם און מיט אַ הילצערנעם שווערד ביים זייט. נאָך אים קומט המן, מיטן פּנים איינגעשמירט אין סאַזשע. מרדכי קוקט אויף המנען און זינגט:

העי! העי! האָבער און שטרוי
המן האָט געזאָטלט אַ דודע מיט אַ פליי.

נאָכדעם זינגט המן:

אוי, וויי, מרדכי דער יודע.
המן־טאַשן עסן, וועט ער צו דער סעודה.
אסתר וועט זיך פּוצן, אסתר וועט זיך צירן.
און דעם פריץ, המן, צו דער תליה פירן...

דערביי שטייט אויך ושתי, אַ ייד אָנגעטאָן אין א ווייבערשע קלייד, מיט אַ בולבע צוגעבונדן צום שטערן. ושתי זינגט ניט, נאָר אלע ווילע גיט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו ווייזן וואָס איר איז נעבעך אויסגעוואַקסן אויפן שטערן...

איך האָב אויפגעכאַפּט די לידלעך, און ווען קיינער איז ניט געווען אין הויז פלעג איך פּרוּוון נאָכזינגען און נאָכמאַכן די פּור־רים־שפּילער און דערביי געהאַט פאַרגעניגן.

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ געדרוקטע מגילה מיט די מענטשעלעך דאָרטן, ווי אזוי המן מיט די צען קינדער הענגען אויף אַ בוים, האָט מיר אָנגענומען א רחמנות. מילא, האָב איך זיך געטראַכט, המן האָט פאַרדינט אז מען זאָל אים הענגען, אָבער וואָס זיינען די קינדער שולדיק?...

דאָס האַנדל מיט לופּעטעס

איינס פון די געשעפטן, ביי אונדז אין שטעטל, איז געווען דער האַנדל מיט לופּעטעס. איינגעקויפט די לופּעטעס האָבן די לאַנד־קרעמערס, וואָס זיינען ארומגעפאָרן פון דאָרף צו דאָרף און עס אויסגעביטן אויף אַנדערע סחורות. האָט מען פרייטאָג ביי־טאָג געקאָנט זען ווי די קרעמערס קומען צופאָרן פון דאָרף מיט גרויסע זעק לופּעטעס. פאַרנומען זיך מיט דעם האָבן, מערסטנ־טייל, די אָרעמע קרעמער, ווייל קיין גרויסן קאַפּיטאַל האָט מען צו דעם ניט באַדאַרפט. יעדער קרעמער האָט שוין געהאַט זיין פּלאַץ ווו אָפּצוזעצן די סחורה. די הענדלער, ווידער, האָבן געהאַט גרויסע קלייטן ווו זיי האָבן געהאַלטן די זעק מיט די לופּעטעס.

אין די קלייטן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אויססאָרטירונג: וואָל צו וואָל, לייוונט צו לייוונט און אזוי כסדר. געאַרבעט ארום דעם האָבן די סאַמע אָרעמסטע אין שטעטל. מענער ווי פרויען, יידן ווי ניט־יידן און אפילו קינדער האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען. פון אינדערפרי ביז פינצטער זיינען זיי געזעסן אין די קלייטן מיט שאַרפע מעסערס אין די הענט און געטרענט די לופּעטעס. די שכירות איז געווען אַ קלעגלעכע, ארום צוואַנציק—פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג. די אַרבעט איז טאַקע געווען אַ לייכ־טע, אָבער דערפאַר אַ נודנע און אַ געפערלעכע, ווייל דאָס שטויב פון די לופּעטעס, אין די פאַרשטיקטע קלייטן, האָט כסדר געפרעסן די לונגען און ניט ווייניק האָבן געקראָגן שווינדזוכט און געהאַלטן אין שפּייען מיט בלוט.

ווען עס איז אויפגעקומען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין שטעטל, האָט מען ארויסגערופן אַ שטרייק און געצוווּנגען די אייגנטימער צו העכערן די שכירות. אָבער, צום באַדויערן, מ'האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן צו פאַרבעסערן די היגיענישע מיטלען, און צוליב דעם האָט דער מלאך־המות געטאָן זיין ארבעט און געפּאָ־דערט אַלץ מער און מער קרבנות.

* * *

און שטענדיק ווען איך לייען וועגן די מינען־אַרבעטער וואָס זשאַפּען אין זיך אריין דעם גאָלדענעם שטויב און קריגן טייסיס, דערמאָן איך זיך אַלץ אָן יענע מענער און פרויען פון מיין שטעטל דאַנקערע, זיצנדיק אין די פאַרדומפּטע קלייטן און טרענענדיק די לופּטעס און הוסטן, און הוסטן, ביז זיי שפּייען אויס די נשמה...

גנבים אין שטעטל

די איינציקע גנבים אין דאַנקערע זיינען געווען עטלעכע פערד־הענדלער, וואָס האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט גנבענען פערד. די פערד פלעגן זיי ארויספּירן אויפן מאַרק. זייער אָפּט האָט פּאַסירט אז אַ פּויער, וואָס איז געקומען אויפן מאַרק קויפן אַ פערד, האָט דערקענט זיין אייגענע פּאַדלע. דאַן האָט דער פּויער געכאַפּט דעם גנב און אים איבערגעגעבן דער פּאָליציי, און אויב ניט, האָט ער אים אליין געשלאָגן מכות רצח און צוגענומען פון אים דאָס פערד. ניט זעלטן האָט פּאַסירט אַז דער פערד־הענדלער איז געקומען צוריק פון מאַרק אַ צעביילטער. אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פון צו גנבענען ווידער.

געוויינטלעך פלעגן די גניבות פאַרקומען אין די פינצטערע נעכט. איז ארומגעגאַנגען אַ וויץ, ווי אַ פערד־הענדלער האָט זיך גראַד געפּוילט אויפצושטיין און דאָס ווייב האָט אים געמוסרט:
— זע, מיין מאַן, אין אַזאַ „ליכטיקע” נאַכט ליגסטו און שלאָפסט...

האָבן זיך אין דאַנקערע באַזעצט אַ מאַן מיט אַ פרוי וואָס האָבן אויף אַלעמען געמאַכט דעם איינדרוק פון ערלעכע מענטשן. פון וואַנען זיי זיינען געקומען, האָט קיינער ניט געוווסט. דער מאַן האָט פאַרמאָגט אַ סימפּאַטישן אויסזען, מיט פיינע מאַניערן און דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ גאָלדענע האַרץ, געטאָן יענעם אַ טובה, געגעבן אַ גמילות חסד, און גלאַט אזוי געגעבן אַ פיינע נדבה. פון צייט צו צייט פלעגט ער אָוועקפאָרן פאַר אַ ווייל און קומען צוריק. און עס האָט ביי קיינעם ניט ארויסגערופן קיין שום חשד

אויף אים. ביז פלוצלינג איז געקומען די פאָליציי און האָט אים אַרעסטירט. דאַן האָט מען זיך ערשט דערוווּסט אז דער פיינער אַנשטענדיקער מענטש איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ פּראָס־טער קעשענע־גנב. זיין ארבעט איז געווען ארומצופאָרן אויף די באַנען און באַגנבענען די פּאַסאַזשירן.

זיין אַרעסט האָט ארויסגערופן אַ סענסאַציע אין שטאָט. עס האָט זיך קיינעם ניט געוואָלט גלויבן אז דער גוטער, האַרציקער מענטש זאָל זיין אַ גנב. מען איז אַוועק צו דער פּאָליציי זען אויב דאָ איז ניט פאָרגעקומען אַ טעות און אַרעסטירט אַן אומשולדיקן מענטשן. עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן און די וועלכע ער האָט געהאָלפן מיט אַ טובה, אַ גמילות חסד, האָבן אים נאָך אפילו געפּרוּווט פאַרטיידיקן. יאָ, האָבן זיי געזאָגט, ער איז טאַ־קע אַ גנב. הלואי אָבער וואָלטן געווען אַ סך אזעלכע גנבים — ווי ער...

דאָס שפּיל־קעסטל

געווען איז דאָס נאָך איידער מען האָט ביי אונדז געזען ווי אזוי אַ גראַמאַפאָן זעט אויס, האָט אין דאַנקערע זיך אראָפּגעלאָזן אַ ייד מיט אַ קעסטל אונטערן אָרעם און דערציילט אז דאָס קעסטל שפּילט און זינגט. ווי שטענדיק, אין אַזעלכע פאַלן, האָבן זיך גע־פונען אַזעלכע וואָס האָבן דערפון פּשוט געמאַכט ליצנות. איינער האָט געזאָגט אז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן, וואָרום ווי קאָן עס אַ קעסטל זינגען ? אַ צווייטער האָט געזאָגט אז אין קעסטל מוז ליגן אַ גלגול און טוט וואָס מען הייסט אים. אַ דריטער, ווידער, האָט געזאָגט, אז מען דאַרף דעם יידן גוט ארומטאַפּן, ווייל עס איז רעכט אז דאָס איז אַ ניט־גוטער פאַרשטעלט פאַר אַ מענטשן. איבערהויפּט דאַרף מען אַכטונג געבן אויב ער האָט ניט קיין הינער־שע פיס... און אזוי האָט מען וועגן יידן זיך געוויצלט. דער ייד האָט געקראָגן צו וויסן און האָט געשמייכלט...

אין אַ פּאָר טעג ארום האָט מען דעם יידן איינגעלאַדן אין אַ הויז און געבעטן, ער זאָל ווייזן דאָס וווּנדער וואָס ליגט אין קעסטל. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ פולע שטוב מיט מענטשן און מיט האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט צו זען וואָס דאָ וועט פּאַסירן. דער ייד האָט ארויפגעשטעלט דאָס קעסטל אויף אַ טיש, אָנגעשטעלט די פּלאַטע, אָנגעדרייט די פּעדער און אין דער זעלביקער צייט אַ זאָג געטאָן, אז ווער עס וויל זיך צוהערן צום שפּילן, מוז צו־ערשט איינצאָלן צען קאָפּיקעס. אויפן מאָמענט האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. ענדלעך האָבן זיך איינגעפונען צוויי קצבים, גע־

זונטע יונגעז, און האָבן אונטערגענומען דעם ריזיקאַלישן שריט. דער ייד האָט זיי געגעבן צוויי קישקעלעך אריינצוטאָן אין די אויערן, און ווען זיי האָבן דערהערט דעם ערשטן קלאַנג, האָבן זיי זיך אזוי דערשראָקן, אז זיי האָבן אַ וואָרף געטאָן די קישקעלעך און אַנטלאָפן. באַלד האָבן זיך געפונען נייע בעלנים וואָס האָבן מיט אַ ציטער אין האַרצן זיך צוגעהערט ווי דאָס קעסטל שפּילט און זינגט. ערשט דאַן האָבן זיך אַלע איבערצייגט, אז דער ייד איז ניט קיין שאַרלאַטאַן, ניט קיין שד און ניט קיין שווינדלער. די נייגעריקייט איז וואָס ווייטער געוואַקסן און דער ייד האָט פאַרלאָזן דאָס שטעטל מיט אַ פיינע פאָר רובל אין קעשענע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט זיך אין דאַנקערע באַוויזן אַ ייד מיט אַ גראַמאַפאָן און מיט אַ גרויסער טרובע. ער האָט אָפּגעדונגען אַ הויז וווּ ער האָט אויסגעשטעלט קוק־קאַסטנס, ווו פאַר צוויי קאָפּיקעס האָט מען געקאָנט זען מאָסקווע, קיעוו, לאָנדאָן, פּאַריז און אנדערע גרויסע שטעט.. אָבער די הויפּט־אַטראַקציע איז געווען דער גראַמאַפאָן, וואָס האָט געשפּילט פאַרשיידענע זאַכן. זייענדיק אַ חבר פון באַלעבאָס' יינגל, האָב איך געהאַט די זכיה אריינצוגיין אַן אַ גראָשן געלט. און ווען איך האָב נאָר געהאַט צייט, בין איך געזעסן ווי צוגעשמידט און זיך צוגעהערט צו די זיסע מעלאָדיעס פון קאַלדוניע, שולמית און אַנדערע. און ווען דער אייגנטימער האָט מיר דערלויבט אַנצודרייען דעם גראַמאַפאָן, האָב איך זיך געפילט אזוי גליקלעך ווי קיינער אין שטעטל...

טעאַטער אין שטעטל

דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געזען שפּילן יידיש טעאַטער, איז געווען טאַקע אין דאַנקערע גופא. אין אַפּטייק האָט געאַרבעט אַ דווינסקער בחור מיטן נאָמען: בערנשטיין. דער דאָזיקער בערנשטיין איז געווען אַ זייער פּעאיקער יונגערמאַן: געקאָנט זינגען, שפּילן, טאַנצן, נאָכמאַכן ווי איינער רעדט און דערצו האָט ער שוין געוווסט ווי אַזוי מען שפּילט יידיש טעאַטער. און אַזוי ווי דער ביקור־חולים האָט זיך געגרינדעט אין געלט, האָט בערנשטיין זיך אָנגעבאָטן אויפצופירן אַ טעאַטער־שטיק וואָס דער ריווח זאָל גיין פאַרן ביקור־חולים.

צוערשט האָט בערנשטיין ארויסגערופן אַן אָפּאָזיציע אין שטעטל. ערשטנס, איז ער געווען אַ פרייער פויגל. קיינמאָל איז ער אין שול ניט געגאַנגען און שבת איז ער אָפט ארומגעגאַנגען מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. און צווייטנס, האָט מען זיך גלאַט פאַר אים געשראָקן. טאַקע אַן אַפּטייקער, אָבער דאָך אַ דווינסקער זשוליק. איז אָבער בערנשטיין געפאַלן אויף אַ פּלאַן. אַזוי ווי עס איז געווען גראָד פאַר פורים, האָט ער פאַרגעלייגט אויפצופירן אַ פורים־שפּיל און דווקא מיט עלטערע מענטשן. עס האָט לאַנג ניט גענו־מען און דאָס אחשורוש־שפּיל איז פאַרגעקומען אין דער ווייבער־שער שול. דער שפּיל האָט ארויסגערופן אַזויפיל געלעכטער, אַז מענטשן האָבן שיער ניט געחלשט.

דאָס האָט ארויסגערופן אַ צוטרוי צו אים. גלייך נאָכדעם האָט ער צונויפגענומען יינגלעך און מיידלעך פון וועלכע ער

האָט אויסגעקליבן די מער פעאיקערע און מיט זיי געגומען איינ־שטודירן די ראָלן פון באָבע יאַכנע. ער אליין האָט געשפּילט פאַר האָצמאַך. פאַרטיק מיט די רעפּעטיציעס, האָט מען אויפן מאַרק־פּלאַץ ווי ניט איז צוזאַמענגעקלאַפּט אַ געביידע. אינעווייניק האָט מען אויסגעפּוצט מיט פאַרשיידענע קאָלירטע לאַמטערנעס וואָס האָבן געוואָרפן אַ שיין אויף די אַקטיאָרן. די אַרטיסטן זיינען גע־ווען אָנגעטאָן אין טעקטורענע היטלען און קאָלירטע קליידער. און ווונדער איבער ווונדער, דער דערפאָלג פון דער אויפפירונג איז געווען אזוי גרויס, אז יונג און אַלט, פרייע ווי פרומע, זיינען געקומען צו דער פאָרשטעלונג און אוועקגעגאַנגען מיט אַ צופרי־דענעם שמייכל.

אינטערעסאַנט איז צו דערציילן, אז צו דער פאָרשטעלונג איז אויך געקומען דער אייגנטימער פון אַפּטייק, אַ פּאָליאַק, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַ ביסל דייטש. ווען עס איז געקומען צו דער סצענע ווו מען נאַרט אָפּ דאָס מיידל מעסטנדיק דאָס געוואַנט, און שפּעטער ווען מען נאַרט אָפּ דעם פויער אין מאַרק, איז ער געוואָרן אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט אַ געשריי געטאָן: זשיד מאָשעניק! און האָט פאַרלאָזן די פאָרשטעלונג.

די עטלעכע טעג פון דער פאָרשטעלונג איז אין דאַנקערע געווען אַן אמתער יום־טוב. ווו מען איז געגאַנגען האָט מען גע־קענט הערן זינגנדיק די לידער פון באָבע יאַכנע. און דער נאָמען האָצמאַך האָט זיך אזוי איינגעבירגערט, אז מען האָט איינעם גע־וואָלט אַ קיבעץ טאָן, האָט מען אים גערופן האָצמאַך.

נאָך דעם דערפאָלג האָט בערנשטיין געגומען מאַכן ווייטער־דיקע פּלענער וועגן אויפפירן עפּעס אַנדערש. צום באַדויערן האָט מען אים איבערגעהויבן אין אַן אַנדער שטאָט. דאַן האָט מען פּלוצלינג דערפילט אַז עס פעלט דער דווינסקער בחור, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַ ביסל פריילעכקייט אין שטעטל...

אַ פּויער שפּרעכט עין הרע׳ם

די סגולה פון אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע איז אומגעפער געווען דאָס זעלביקע ווי אַ שיר־המעלות איבערן בעט פון אַ קימפּעטאָרין. ביידע סגולות האָבן געזאָלט דינען דעם זעלביקן צוועק: צו פאַרטרייבן די „ניט־גוטע" פון קראַנקן. דער וועג פון אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע איז צוגעגאַנגען אזוי: ווען אַ קינד איז געוואָרן ניט געזונט, האָט די מאַמע גענומען אַ טיכל און עס אוועקגעטראָגן צו אַ פרומען יידן. דער ייד האָט אריינגענומען דאָס טיכל אין האַנט און געשעפּטשעט אַזעלכע סודותדיקע ווערטער. נאָכדעם עס צוריקגעגעבן דער מאַמען. די מאַמע האָט גענומען דאָס טיכל און ארומגעוויקלט דאָס האַלדז פון קינד, דערביי זאָגנדיק: זאָל עס דיר זיין אַ רפואה.

אָבער ניט שטענדיק האָט דאָס אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע געהאָלפן און מען האָט געמוזט זוכן אויך אַנדערע מיטלען.

האָט זיך אין שטעטל איינמאָל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אז דערביי אין אַ דאָרף געפינט זיך אַן אַלטער פויער וואָס באַווייזט ממש וואונדער: שפּרעכט אָפּ עין־הרע׳ס, פאַררעדט ציין־ווייטיק, קאָפּווייטיק און אַנדערע ווייטיקן און דער עיקר איז, אז עס העלפט. אַנשטאָט צו גיין אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע צום יידן, האָט מען גענומען גיין צום פויער. די ערשטע זאַך וואָס דער פויער האָט געטאָן איז געווען צו באַפוילן דעם קראַנקן אריינצוקוקן אים טיף אין די אויגן. דערנאָך האָט ער מיט ביידע הענט גענומען ארומפירן איבערן פנים פון קראַנקן אַהין און צוריק, אזוי עטלעכע מאָל,

און עס האָט לאַנג ניט גענומען, ווי דער קראַנקער האָט זיך גענו־מען פילן בעסער. פאַרשטייט זיך אַז קיין וווּנדער איז דאָ ניט געשען. דער פויער האָט קאָנטיק פאַרמאָגט אַ היפּנאָטישע קראַפט פון וועלכער ער אליין האָט ניט געוווּסט.

ווען מען האָט גענומען גיין צום פויער אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, האָט זיך אין שטעטל אויפגעהויבן אַ טומל. סטייטש! פאַר־בייטן אַ ייִדן אויף אַ פויער? עס איז דאָך אַ חילול השם! מען איז וועגן דעם אַוועק צום רב. אָבער דער רב, ווייזט אויס, האָט דאָ קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן, ווייל ווען עס קומט צו אַ קראַנקן איז דער קראַנקער דער באַלעבאָס. און ניט נאָר איז מען געגאַנגען צום פויער אין הויז, נאָר מען האָט אים אפילו גענומען ברענגען צו זיך אַהיים. און דער טומל האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט.

אין אַ קורצער צייט ארום איז דער פויער געשטאָרבן און אַ סך ייִדן אין שטעטל זיינען געגאַנגען צו זיין לוויה און האָבן שטאַרק נאָך אים געטרויערט...

הערמאַן דער פעלדשער

ניט שטענדיק איז געווען אַ דאָקטאָר אין שטעטל, ניט דערפאַר וואָס מען האָט ניט געקרענקט, פאַרקערט, געקרענקט האָט מען זייער פיל. נאָר וואָס דען? דער דורכשניטלעכער ייד האָט פשוט זיך ניט געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס צו רופן אַ דאָקטאָר און באַצאָלן פופציק קאָפּיקעס פאַר אַ וויזיט. האָט מען אַנשטאָט דעם דאָקטאָר גערופן דעם פעלדשער, וואָס האָט אין גאַנצן געקראָגן נאָר צען קאָפּיקעס. וויפיל דער פעלדשער האָט געוווסט פון דאָקטאָריע, איז שווער צו זאָגן, אָבער דעם אָנשטעל האָט ער געמאַכט ווי פון אַ פּראָפעסאָר. פון קיין באַנקעס מיט שפּאַנישע פליגן האָט ער ניט געהאַלטן. „דאָס איסט ווילד און באַרבאַריש", פלעגט ער זאָגן. דערפאַר האָט ער שטאַרק געגלויבט אין אַ קליסטיר און ריצן־אויל. און ווען מען האָט אים גערופן צו אַ גוסס־קראַנקן און געזען אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן, האָט ער זיך איינגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: „נו, יאַ, דאָס איסט איין גאָט־זאַכע". און איז אוועקגעגאַנגען.

געווען איז ער אַן עסטרייכישער אַסימילירטער ייד. ווי אַזוי ער איז מגולגל געוואָרן ביי אונדז אין שטעטל, ווייס איך ניט. געהאַלטן האָט ער זיך ווייט פון אַלעמען און אויף יעדן געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אַזוי איז אויך געווען זיין פרוי, אַ האַלבע דייטשקע, וואָס האָט זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט און געפירט אַן אייגן אָפּגעזונדערט לעבן.

האָט זיך געמאַכט עפּעס, וואָס האָט ארויסגערופן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זיין לעבן: זיין פאָטער איז געשטאָרבן. און פון דאַן אָן איז ער פלוצלונג געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ערשטנס, האָט ער גענומען גיין דריי מאָל אַ טאָג אין שוהל און זאָגן קדיש. און ניט נאָר האָט ער געזאָגט דעם ערשטן יאָר קדיש, נאָר אָנגעהאַלטן זאָגן אַ לאַנגע צייט נאָכדעם.

צווייטנס, איז ער פלוצלונג געוואָרן פריינדלעך צו יעדן איי־נעם. באַגריסט מיט אַ גוטן־טאָג, און אַ שיינעם אַדיע, און וואָס מאַכן זי? גאָרניט דער זעלביקער ווי געווען. זיין פרוי האָט אויף אים געשריען, געמוסרט און אפילו געשפּאָט: — הערמאַן, דו ביסט געוואָרן איין צו־גוטער יודע, ווערסט נאָך איין ראַבינער ווערן... — הערמאַן, אָבער, האָט זיך שטאַרק ניט צוגעהערט צו זיין ווייבס רייד. זיין פרומקייט איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז אריינקומענדיק צו אַ קראַנקן אין הויז, האָט ער צוערשט אַ קוש געטאָן די מזוזה...

פּרץ דער קבֿרות־מאַן

ניט געווען אַ ייד אין שטעטל, וואָס האָט ניט געקענט פּרץ׳ן. ערשטנס, האָט מען אים שטענדיק געזען שטופּנדיק אַ וועגעלע מיט נאַסע פּעלן פון בוינע צו דער גאַרבאַרניע, צווייטנס איז ער געשטאַנען אין גאַס מיט אַ טישל מיט קינדערשע נאַשערייען, ווי: אינגבערלעך, מאָנעלעך, ברוינע לעקעכלעך, טרוקענע גאָמעלקעס, באָב און אַנדערע קלייניקייטן. און דריטנס האָט מען פּרץ׳ן געקאָנט זען צו יעדער לוויה, ווי ער גייט ארום מיט דער צדקה פּושקע אין האַנט, זאָגנדיק דעם צדק לפניו יהלך. און אַ מאָדנע זאַך איז מיט דעם פּרץ׳ן געווען. אליין איז ער געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן, אָבער קיין אָרעמעלייט האָט ער ניט האָלט געהאַט. איז געשטאָרבן אַן אָרעמאַן, האָט ער דעם צדק לפניו געזאָגט אזוי האַסטיק, ווי איינער וואָלט געשטאַנען פון הינטן און אים געיאָגט: צדק לפניו יהלך, וישם לדרך פּעמיו... צדק לפניו יהלך וישם לדרך פּעמיו... ווי ער וואָלט ביי זיך אליין געטראַכט: אַי, דו שלעפּער איינער, ווער האָט דיר געבעטן, אז דו זאָלסט גאָר געבאָרן ווערן, און אָן דיר, מיינסטו, וואָלט מען זיך דאָ ניט אויסגעקראַצט?...

איז געשטאָרבן אַ נגיד, האָט פּרץ אָנגענומען גאָר אַן אַנדער טאָן. געגאַנגען איז ער לאַנגזאַם, פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, גלעטנדיק די קאָלטענעוואַטע באָרד, און מיט אַ זיסלעך טרויעריקער שטימע לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער: צ ד ק ל פ נ י ו י ה ל ך, ו י ש ם ל ד ר ך פּ ע מ י ו... צ ד ק ל פ נ י ו י ה ל ך, ו י ש ם ל ד ר ך פּ ע מ י ו... און דאָס האָט געמיינט: אַ שאָד פון דעסטוועגן וואָס ער איז געשטאָרבן. טאַקע געווען אַ ייד אַ חזיר, אָבער דאָך ווען ניט איז ביי אים ארויסגעריסן אַ קערבל...

געווינט האָט פּרץ אין אַ שטיבל וואָס האָט אַלע טאָג געהאַלטן ביים איינפאַלן. פון דער צווייטער זייט וואַנט האָט זיך געפונען אַן ארון מיט דער טהרה־ברעט, און ווו קינדער האָבן מורא געהאַט פאַרבייצוגיין, עס זאָל פון דאָרטן פּלוצלונג ניט ארויסשפּרינגען אַ מת און כאַפּן ווערגן.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס פּרץ האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט מתים, האָט ער אָבער דערביי פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן חוש פאַר הומאָר. זיינע גלייכווערטלעך זיינען אלעמען געווען גוט באַקאַנט. אייניקע פון זיי וויל איך טאַקע דאָ ברענגען.

איינמאָל ווינטער־צייט האָבן די שמשים פון חברה קדישא גע־נומען אַן איבעריקן טרונק בראַנפן, און זיך געפוילט צו גיין אויפן בית־עולם מקבר זיין אַ מת. (דער בית־עולם איז ביי אונדז געווען אַ פּאָר וויאָרסט פון שטעטל). ווען פּרץ האָט אַ געשריי געטאָן: פויליאַקעס! איר שטייט און טרינקט בראַנפן, און דער מת ווערט דערוויל פאַרפראָרן...

אַ צווייטן מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: — שלעפּערס אַזעלכע, ניט גענוג וואָס זיי קרענקען, דאַרפן זיי נאָך שטאַרבן אויך...

ווען מען האָט אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן פאַרוואָס ער כאַפּט אַזוי אַראָפּ ביי אַן אָרעמאַן דעם צדק לפניו?

אַ שיינע, ריינע כפרה, האָט ער געענטפערט, ווערט ער וויסן נאָך אַמאָל ניט צו שטאַרבן...

ווען ער איז געקומען איינעם מנחם־אבל זיין און געזען ווי יענער וויינט, האָט ער אים געטרייסט: וואָס וויינסטו, וועסט אם ירצה השם אויך שטאַרבן...

אוודאי איז דאָס ניט קיין טרייסט־וואָרט, און דאָך ווען מען האָט עס געהערט פּרץ'ן זאָגן, האָט עס ניט ווילנדיק ארויסגערופן אַ פאַרבאָרגענעם געלעכטער.

אָט אזא איז געווען דער מגושמדיקער ייד מיטן רויטן קאָל־טענעוואַטן באָרד — פּרץ דער קברות־מאַן...

א ייד אן עזות פנים

דער אונטערשייד פון אָרעם ביז רייך אין אַ קליין שטעטל, האָט זיך ארויסגעוויזן אויף יעדער געביט פון לעבן. אין שול איז דער אָרעמאַן געשטאַנען ביים טיר. אַן עליה האָט מען אים געגעבן אַ מאָגערע, און אויך דאָס זעלטן. איז געקומען צום שטאַרבן, האָט מען אים מקבר געווען אונטן אויפן בית־עולם. וועגן זאָגן אַ דעה איז דאָך געווען שוין אָפּגערעדט. אָבער פון צייט צו צייט האָט זיך ניט ווילנדיק ארויסגעריסן אַ פּראָטעסט קעגן די רייכע, כאָטש אויף אַ זייער פרימיטיוון אופן.

די חברה קדישא איז געווען אַן אינסטיטוציע צו וועלכער עס האָבן געהערט אָרעמע אזוי גוט ווי רייכע. פון דעסטוועגן אז עס איז געקומען מקבר צו זיין אַ מת, האָבן זיך די נגידים פון שטעטל קיינמאָל צו דעם ניט צוגערירט און שטענדיק עס איבערגעלאָזן צו די שוסטערס מיט די שניידערס, ווי זיי וואָלטן געווען געבאָ־רענע קברנים.

געדענק איך אַ קליינעם אינצידענט. עס איז ביי אונדז גע־שטאָרבן אַ ייד מיטן נאָמען : לייבע בערעזין. געווען איז דער לייבע בערעזין אַ פּראָסטער ייד, קוים געקאָנט זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. קיין גרויסער בעל צדקה איז ער אויך ניט געווען, דער־פאַר אָבער איז ער געווען אַן איינגעפונדעוועטער באַלעבאָס, מיט אַ געשעפט און מיט אַ גרויס הויז אין מיטן שטאָט. געשטאָרבן איז ער דעם ערשטן טאָג שבועות און מען האָט געמוזט אָפּלייגן די קבורה ביז נאָך יום טוב. אויף מאָרגן נאָך יום טוב איז גע־

קומען די חברה קדישא און גענומען צוגרייטן די לוויה. פּלוצלינג זיינען געקומען עטלעכע פּני פון שטעטל און מודיע געווען די שמשים, אַז מיט דער לוויה וועלן זיי זיך אליין מתעסק זיין. ווען עס איז אָבער געקומען צו דער טהרה, און דער מת, נאָך עט־לעכע טעג ליגן, האָט גענומען ארויסגעבן ניט קיין אָנגענעמע ריחות, האָבן די שיינע באַלעבאַטים זיך גענומען האַלטן פאַר די נעזער, און גענומען רופן די שמשים זיי זאָלן גיין מטהר זיין דעם מת. און דאָ האָט איינער אַ שמש, אַ שטיקל עזות פּנים, זיך ארויס־גערוקט און הויך אויפן קול אַ זאָג געטאָן: — דער היינטיקער מת איז אייערער. ווען עס שטינקט אַן אָרעמאַן, זייט איר דערביי ניטאָ. טאָ שמעקט כאָטש ווען עס שטינקט אַ גביר...

דער מצבה־קריצער

דער איינציקער מצבה־קריצער אין דאַנקערע איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען: לייזער־לייבע באַנד. געגאַנגען איז ער זיך שאָקלענדיק, ווי אויף ספּרונזשינעס. דער קאָפּ אַ ביסל אָן אַ זייט. און אויגן האָט ער געהאַט וואָס עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט, שפּרינגען זיי אַרויס פֿון קאָפּ און אַנטלויפֿן ערגעץ־ווו.

קריצנדיק די מצבֿות האָט זיך ביי אים ביסלעכווייז אַנטוויקלט אַ קריטישער געדאַנק וועגן גאָט, וועגן לעבן און טויט, וועגן גיהנום און גן־עדן און בכלל וועגן סדר פֿון דער וועלט. און כאָטש ער האָט זיך געהיט וועגן דעם צו ריידן, האָט מען אָבער אין שטעטל געוווּסט, אַז לייזער־לייבע איז אַ ביסל אַ געכאַפּטער, נאָר מען האָט אים צו־רו געלאָזט.

געוווינט האָט ער ניט ווייט פֿון אונדז. און איך געדענק ווי, נאָך זייענדיק אַ קינד, פֿלעג איך נייגעריק שטיין און קוקן ווי ער ליגט אַריבערגעבויגן איבער אַ פֿלאַכן שטיין און מיט קליינע דלאָטן, קלאַפּט ער און קלאַפּט, ביז עס נעמען זיך באַווייזן אַזעלכע אומהיימלעכע אותיות, אותיות וואָס דערמאָנען וועגן טויט. און איינמאָל האָט זיך מיר אַפֿילו געחלומט, אַז איך זע ווי לייזער־לייבע קריצט אַ מצבֿה פֿאַר מיר אַליין. מער בין איך דאָרטן ניט געגאַנגען. און ווען נאָר איך פֿלעג אים זען גייענדיק אין גאַס, האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס גייט ניט קיין מענטש, נאָר אַ לעבעדיקע מצבֿה.

געוועז איז לייזער־לייבע שטענדיק פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט צו דערגיין די סודות פון דער וועלט. האָט איינמאָל פּאַסירט אַז דורך אַ טעות האָט ער אויסגעקריצט אַ פאַרקערטן נוסח. אויף אַ מצבה פון אַ פרוי האָט ער אוועקגעשטעלט: — „איש תם וישר מר׳ הינדע לאה בת ר׳ יוחנן שהלך לעולמו״...

ווי דער שטייגער איז, האָט מען גענומען זוכן די סיבה דערפון. מאַנכע האָבן געזאָגט, אז דאָס איז געקומען צוליב דעם, וואָס ער פאַרנעמט זיך צופיל מיט זיין פילאָסאָפיע. אַנדערע ווידער האָבן אויסגעטייטשט, אז דאָס האָט דער שטן מיט אים זיך אַ שפּיל געטאָן...

די מצבה איז געבליבן שטיין ווי פאַריתומט. פון דאַן אָן האָט לייזער־לייבע אויפגעהערט צו קריצן מצבה׳ס און זיך גענומען צו מאָלן שילדן פאַר די שטעטלשע קרעמער...

שיע דער מוכר ספרים׳ניק

צוויי מאָל אין יאָר פלעגט שיע דער מוכר ספרים׳ניק זיך אַראָפּלאָזן אין דאַנקערע מיט אַ פּאַק ביכער אויפן פּלייצע. געהאַט האָט ער אַ גרויסן הויקער, אַ רויטן ארויפגעבויגענעם נאָז און אויסגעלאָמעוועטע אויגן, אַזוי, אַז פון דער ווייטן האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קעמל. שיע איז געווען דער צושטעלער פון מעשה־ביכלעך אין שטעטל. די גרעסטע אויסכאַפּעניש איז געווען אויף שמר׳ס ראָמאַנען. שמר׳ס ראָמאַנען האָבן ביי אונדז געלייענט יונג און אַלט. אפילו די אַלטע באָבע האָט זיך ניט געשעמט צו זיצן און צוהערן לייענענדיק שמר׳ס אַ ראָמאַן. די מעשה־ביכלעך פון די פּרינצן און פּרינצעסינס איז קאָנטיק געווען אַן איבערברוך אין דריבנעם קליין שטעטלדיקן לעבן. איז דערייבער קיין וווּנדער ניט וואָס זיינע מעשה־ביכלעך האָבן געהאַט אזא דערפאָלג.

אַ חוץ שמר׳ן, האָט ער אויך געהאַט מעשה־ביכלעך וועגן גוטע יידן וואָס האָבן באַוויזן גרויסע וווּנדער אין אויסהיילן קאַליקעס, מאַכן בלינדע זעעוודיק און אַנדערע נסים. זייער פּאָפּולער איז געווען אַ מעשה מיט אַ ישיבה בחור וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון לילית, און אין אַ לאַנגער צייט ארום, האָט מען אים געפונען ערגעץ אויף אַ פעלד, ניט ביים זינען, רייטנדיק אויף אַ בעזעם־שטעקן.

עס איז אויך געווען פּאָפּולער אַ מעשה וועגן פּיפּערנאָטערס און קופּער־שלאַנגען — ווי אַזוי אַ קופּער־שלאַנג האָט אריינגע

שלונגען אַ מענטשן, און ווען מען האָט דעם שלאַנג געהרגעט, האָט דער מענטש נאָך געלעבט. און נאָך אזעלכע וווּנדער־געשיכטעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם לייענענדיק.

די דריטע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון מוסר־ספרים, וואָס זיינען מיינסטנס געלייענט געוואָרן פון עלטערע מענטשן און באַזונדערס פון פרויען. אין די מוסר־ספרים איז געווען באַשריבן מיט אַלע איינצלהייטן ווי אזוי עס זעט אויס דער גיהנום, און ווי אזוי די רשעים פרעגלען זיך אין די הייסע קעסלען מיט סמאָלע, און ווי דער שטן שטייט דערביי און טאַנצט פאַר שמחה. אזוי גענוי איז עס געווען געשילדערט, אז מען האָט געקענט הערן די געשרייען פון די רשעים און דאָס גערוך פון די סמאָלע... אויך אַ מעשה וועגן איינעם, וואָס האָט גערעדט לשון הרע, און די מלאכי־חבלה רייסן אים ארויס די צונג און שטעלן אריין צוריק, און אזוי טאָג און נאַכט, אַ חוץ שבת...

אַ שטאַרקן מוסר השכל האָט געהאַט די מעשה וועגן אַ פרוי וואָס איז נאָך דער חתונה געגאַנגען מיט אייגענע האָר, ווי לילית שטייט און רייסט איר די האָר פון קאָפּ. אָט די מוסר־ספרים האָבן געהאַט אַזאַ ווירקונג, אז מאַנכע פרויען האָבן עס געלייענט צוזאַמען מיט די תחינות און ניט ווייניק טרערן פאַרגאָסן.

נאָך זייענדיק גאָר יונג האָב איך געלייענט מעשה־ביכלעך און געלייענט אַלץ וואָס מיר איז געקומען צו דער האַנט. און ווען שיע דער מוכר־ספרים׳ניק פלעגט זיך נאָר באַווייזן אין שטעטל, איז פאַר מיר געווען אַן אמתער יום־טוב. דורך פאַרשיידענע קונצן פלעג איך ביי אים ארויסקריגן איבערצולייענען די ביכלעך אָן אַ גראָשן געלט. און ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט האָב איך פאַרבראַכט לייענענדיק די אַלע נאַרישקייטן, וואָס מאַנכע פון זיי געדענקט זיך נאָך ביז היינט...

דער לערער

כאָטש אַ נאָמען האָט ער געהאַט ווי אַלע מענטשן, האָט מען אים אָבער קיינמאָל ניט גערופן ביים נאָמען, נאָר דער לערער. געווען איז ער קליין און מאָגער, מיט אַ גרויסן הויקערדיקן נאָז און מיט וואַסערדיקע אויגן ווי ביי אַ הון. סיי זומער און סיי ווינטער איז ער געגאַנגען ארומגעוויקלט דאָס האַלדז מיט אַ שאַלקע, — ווייל, פלעגט ער אַלץ זאָגן — אז קליינערהייט האָט ער געהאַט זאַוואַלקעס, און פון דאַן אָן האָט אים דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט, אז ער מוז שטענדיק טראָגן אַ שאַלקע אויפן האַלדז...

פאַרנומען האָט ער זיך מיט לערעריי. דאָס הייסט אז ער האָט געלערנט ייִנגלעך און מיידלעך שרייבן און לייענען יידיש. ער האָט עס אָנגערופן: געבן שטונדן. אין גאַס פלעגט ער ארומגיין מיט אַ בריוונשטעלער אונטערן אָרעם. אין איין זייט אויער אַ בלייפעדער, און אין צווייטן זייט אויער אַ הענטל מיט אַ פעדער. באַזונדערס שטאָלץ איז ער געווען ווען אַ שילער האָט אים גערופן: הער לערער! כדי ארויסצורופן מער רעספעקט ביי די שילער, האָט ער אָנגעניט מעשענע קנעפּ אין ראָק און אַ קוקאַרדע אויפן היטל, ער זאָל אויסזען אָט פּונקט ווי דער רוסישער לערער...

חוץ לערעריי האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיטן שרייבן בריוו פאַר חתן־כלה, ווי אויך ליבע־בריוו צווישן בחורים מיט מיידלעך. מיט געדאַנקען איז ער געווען פאַרזאָרגט, דאָס האָט אים צוגעשטעלט דער בריוונשטעלער. אין די לאַנגע ווינטער־

אָוונטן פלעגט מען אים אין מאַנכע הייזער איינלאַדן פאַרצולייענען שמר׳ס אַ ראָמאַן. די צרה מיט אים איז אָבער געווען וואָס ער אליין איז געווען סענטימענטאַל און צעקראָכן. ווען עס איז געקומען צו אַ טראַגישן מאָמענט פונעם העלד, האָט ער זיך אליין צעוויינט, און אויף אים קוקנדיק, האָבן זיך אויך די צוהערער צעוויינט.

היינט קאָן די גאַנצע זאַך קלינגען איינפאַך און נאַאיוו, אָבער אין יענע יאָרן איז דאָס קאָנען לייענען און שרייבן יידיש געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע זאַך, און דער לערער האָט אָן צווייפל אויסגעפילט אַ גרויסע פונקציע. ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך גענומען באַווייזן אויף דער יידישער גאַס, האָט זי שוין געפונען אַ מער־ווייניקער פאַרטיקן עלעמענט וואָס האָט שוין געקאָנט אויפנעמען דאָס וואָס מען האָט צו אים גערעדט.

אָבער נאָך די אַלע פרנסות, איז דער לערער געווען און געבליבן אַן אָרעמאַן און קוים אויסגעקומען מיט דער חיונה. און ווען דאָס ווייב זיינע, — וואָס האָט אַ גאַנצן לעבן געליטן פון קאָפּ־ווייטיק, און איז שטענדיק ארומגעגאַנגען מיט אַ נאַסן האַנטוך אויפן קאָפּ — האָט אויף אים געשריען אז ער זאָל אוועקוואַרפן די לערעריי און זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש, האָט ער דערפון ניט געוואָלט הערן. ער איז שטאָלץ מיט זיין פּראָפעסיע, האָט ער געטענה׳ט. ער איז אַ לערער און אַ לערער וויל ער שטאַרבן. און האָט דאָס וואָרט געהאַלטן...

יודל דער פורמאַן

אַז יודל דער פורמאַן האָט באַדאַרפט פירן אַ פּאַסאַזשיר צום באַן, האָט ער געמוזט אַרויספאָרן מיט אַ שעה פריער פאַר אַלע פורמאַנעס פון שטעטל. די סיבה דערפון איז געווען וואָס זיין פערד, שוין ניט ריידנדיק פון לויפן, האָט קוים געקאָנט שטיין אויף די פיס. און ווייל יודל איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, איז די עטלעכע גראָשן וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער עס געמוזט האָבן אויף חיונה, און דאָס פערד האָט דערווייל געמוזט הונגערן. דערפאַר אָבער האָט יודל געהאַט אַ לאַנגע בייטש און געהאַלטן דעם אָרעמען פערד אין איין שילטן און שמייסן, און דאָס פערד, הונגעריק און פול מיט ווונדן אויפן לייב, האָט געמוזט ציען דעם וואָגן מיט די לעצטע כוחות.

האָבן זיך איינגעפונען אייניקע מענטשן אין שטעטל וואָס האָבן שוין מער ניט געקענט צוזען דעם צער פון פערד און זיינען אַוועקגעגאַנגען צום רב זיך באַקלאָגן אויף יודל דעם פורמאַן, וואָס הרגעט אַוועק די בהמה לעבעדיקערהייט.

דער רב האָט געלאָזט רופן יודלען צו זיך און גענומען מיט אים איינטענהנען: — סטייטש, יודל, עס איז דאָך אַ צער בעלי חיים אויפן פערד. נעמסט אַ בהמה און הרגעסט אַוועק.

רבי, האָט יודל זיך גענומען פאַרענטפערן: איך האָב אַ ווייב מיט זעקס קינדער, און פרנסה איז שוואַך. אַן אָרעמאַן בין איך אַ גרויסער און לעבן מוז מען און פאַר מיר מיטן פערד קלעקט ניט געננוג. און ווער, רבי, איז בילכער, איך צי דאָס פערד?

דער רבי האָט זיך צוגעהערט, געטראַכט און געטראַכט, אריינ־געגומען דעם שפּיץ באָרד אין מויל און אַ זאָג געטאָן פול מיט רחמנות: געדעכט ביסטו, יודל, אָבער דו פאַרגעסט אַז אַ פערד איז אויך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און מוז אויך עסן. און אויב דאָס פערד זאָל חלילה אַוועקפאַלן פון הונגער, קאָן דאָס פערד דיך רופן צו אַ דין תורה, און עס איז רעכט אַז דאָס פערד זאָל גע־ווינען.

דערהערט דעם רבינס ווערטער האָט יודל זיך צעוויינט ווי אַ קינד. ניין, רבי, האָט ער געזאָגט, איך וויל מיטן פערד קיין דין־תורה ניט האָבן. איך זאָג אייך צו, רבי, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועל איך אָפּרייסן פון זיך, פון מיין ווייב און קינדער און געבן דעם פערד עסן.

אָבער יודל האָט דעם צוזאָג ניט געהאַלטן. דאָס פערד איז געפאַלן פון הונגער און איז מער ניט אויפגעשטאַנען. געבליבן איז ער אָן אַ פערד, אָבער מיט אַ שרעק אין האַרצן. און ווו ער איז געגאַנגען האָט זיך אים אַלץ אויסגעדאַכט אַז דאָס פערד רופט אים צו אַ דין תורה...

לייזער דער גאַרבער

זיין גאַנצן לעבן איז ער געווען אַ גאַרבער. אויפגעשטאַנען באַגינען און געאַרבעט ביז שפּעט ביינאַכט, שלעפּנדיק די רויע פעלן צום סאַזשעלקע און פון סאַזשעלקע. אויסגעזען האָט ער ווי אַ לעבעדיקער מת: די אויגן טיף אריין אין קאָפּ, אז מער ווי לע־כער האָט זיך ניט ארויסגעזען; די באַקנביינער אויסגעשטאַרצט, די הענט אויסגעדרייט, דער רוקן אויסגעבויגן און די ברוסט איינ־געפאַלן. און אזוי האָט ער טאָג־איין און טאָג־אויס געאַרבעט און געקרעכצעט, געקרעכצעט און געאַרבעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

געוואַלגערט האָט ער זיך ערגעץ־ווו אין אַ הויז ביים טיר. זיין גאַנצער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ צעבראָכענע בעטל אונטערגעשפּאַרט מיט ציגל. און כאָטש ער האָט געהאַט זעקס קינדער, זיינען זיי אָבער אליין געווען אָרעם און ניט געקאָנט מיט עפּעס העלפן דעם אלטן, קראַנקן טאַטן.

ווען ער האָט גענומען פילן אז די הענט הויבן זיך ניט, און אז די פיס הערן אויף צו דינען, און אז עס נעמט אים פעלן אָטעם צו אָטעמען, האָט זיך אים גענומען אויסדוכטן אז די לעצטע שעה איז געקומען, האָט ער געלאָזן רופן דעם שמש פון חברה קדישא און געבעטן ברענגען דעם מעבר יבוק, ער וויל זאָגן ווידוי.

מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט ער גענומען נאָכזאָגן וואָרט ביי וואָרט: א ש מ נ ו... ב ג ד נ ו... ג ז ל נ ו... דאָ האָט לייזער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אַ קרעכץ געטאָן ... שמייכל

האָט זיך באַוויזן אויף זיין אויסגעצערט פּנים. ניין, האָט ער ארויסגעקרעכצעט. ער האָט קיינעם ניט באגזלט... קיינעמס ניט צוגענומען... זיין גאַנצן לעבן האָט ער שווער געאַרבעט... ניין, ער וויל קיין ווידוי ניט זאָגן...

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, האָט דער שמש זיך שטאַרק דער־שראָקן. ער האָט געמיינט אַז לייזער דער גאַרבער איז פּלוצלינג ארונטער פון זינען. שוין אזוי לאַנג ווי ער זאָגט מיט חולאים ווידוי, און האָט נאָך ביז איצטער אזוינס ניט געהערט. ער האָט געכאַפּט דעם מעבר יבוק און איז אַנטלאָפן.

אין אַ קורצער צייט ארום איז לייזער דער גאַרבער גע־שטאָרבן. און געשטאָרבן איז ער ניט אויף זיין בעטל, נאָר אין גאַרבאַרניע אין אַ ווינקל און אָן ווידוי...

אַוורהאָם לייבע דער שוסטער

ארומגעגאַנגען איז ער מיט גרויסע קודלעס האָר און מיט אַ באָרד פול מיט קאָלטנס. זיין טאַליע־ראָק, וועלכן ער פלעגט אָנ־טאָן נאָר יום־טוב צייט, האָט אויף זיך געטראָגן סימנים פון: מעד, וויין, בראַנפן, איינגעמאַכטס, צימעס, קניידלעך, בוריקעס און אַנ־דערע מאכלים. פון וואַשן זיך האָט ער שטאַרק ניט געהאַלטן. וואָס טויג זיך מיר וואַשן, פלעגט ער זאָגן, אז איך דאַרף זיך באַלד צוריק איינמאַכן. געאַרבעט האָט ער ניט אין שטעטל גופא, נאָר אין אַ הויף אין ליפלאַנד, פופצן וויאָרסט פון שטעטל. אזוי פלעגט ער ארויסגיין זונטאָג פרי און קומען צוריק פרייטאָג פאַרנאַכט. קיין גרויסער באַלמעלאָכע איז ער ניט געווען, דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ חוש פאַר העכערע זאַכן ווי צו לייגן לאַטעס. אזוי, למשל, האָט אַוורהאָם־לייבע דער שוסטער פלוצלינג געקאָנט ווערן אַ זייג־ער־מאַכער. ער האָט גענומען אַ וואַנט־זייגער, צענומען עס אין שטיקלעך, צוריק צוזאַמענגעשטעלט, און דער זייגער איז געגאַנ־גען פונקט ווי ניי.

דאַרף זיך מאַכן אז אין הויף ווו ער האָט געאַרבעט, איז גע־קומען צו רייטן אַ דייטש אויף אַ רעדל (וועליסאָפּעד). און דאָס האָט אַוורהאָם־לייבען ווי פאַרכישופט. ער האָט אוועקגעלייגט די שלורע אָן אַ זייט און פאַרגאַפּט איז ער געשטאַנען און געקוקט און באַטראַכט ווי אזוי דאָס רעדל איז געמאַכט. אַ, קלערט ער ביי זיך, ווען ער האָט אַזאַ רעדל, וואָלט ער ניט גערדאַרפט גיין אזא שטיק וועג צו פוס. און דאָ פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אז ער וועט אליין פרובירן אויפבויען אזא מין רעדל. אָבער פון וואָס? יאָ, ער וועט עס מאַכן פון האָלץ, אַ הילצערנעם רעדל. און אַוורהאָם־

לייבע האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, און איז מגולגל געוואָרן פון אַ שוסטער אין אַן אינזשינער. נאָך אַ לענגערער צייט פון קלערן און שטודירן, האָט ער אויפגעבויט אַ רעדל. א חוץ די רע־דער וואָס האָבן געהאַט אייזערנע שינעס, איז אַלץ געווען פון האָלץ. און ווען ער איז געקומען צו רייטן אין שטעטל, איז מען געלאָפן אויס נייגעריקייט זען ווי אַווראָם־לייבע זיצט אויפן רעדל און פאָרט...

בכלל איז ער געווען אַן אויסטערלישער מענטש. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן זיך, ווי אַ קינד, מיט צאַצקעס. איז געקומען פּורים, האָט אַווראָם־לייבע אויסגעמאַכט אַ גוואַלדיקן גרויסן המן־דרייער, וואָס האָט געקאָנט פּאַרטויבן צען המן׳ס די קעפּ. די באַ־לעבאַטים פון שוהל פלעגן אים מוסרן: פע, אַווראָם־לייבע, ווי קומט צו דיר אַזעלכע נאַרישקייטן, ביסטאָך ניט קיין קינד מער... ער אָבער האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע, יעדער יאָר מיט אַ נייעם המן־דרייער, און איינער אַלץ גרעסער פון צווייטן.

תשעה־באב, ווען יידן זיינען געזעסן אין שוהל אויף דער ערד מיט ליכט אין די הענט און געזאָגט קינות, איז אַווראָם־לייבע גע־קומען מיט אַ פולער קעשענע מיט שישקעס און געוואָרפן די יידן אין די בערד אריין.

שמחת־תורה אין שוהל, איז ביי אים רעכט געווען ארומצו־טראָגן א ספּעציעל אויסגעפּוצטע פאָן, די קאָפּ געמאַכט פון מערן, אויסגעצאַצקעט ווי אַ מנורה מיט אָנגעצונדענע ליכט און אָנגע־טאָן אויף אַ לאַנגן שטעקן, וואָס האָט זיך געזען איבער דער גאַנ־צער שול.

אָט אזא מין טיפּ איז געווען אַווראָם־לייבע דער שוסטער. אַ מענטש שוין אין די יאָרן, און דאָך האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן זיך ווי אַ קינד...

מיכאל דער שניידער

מיכאל דער שניידער, גערופן האָט מען אים אויך: מיכאל דער מאַרודניק. דעם צונאָמען האָט ער כשר פאַרדינט. דאָס איז געווען אַ מענטש וואָס איז געגאַנגען לאַנגזאַם, גערעדט לאַנגזאַם, געאַרבעט לאַנגזאַם און אפילו געשלאָפן לאַנגזאַם... דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ טבע איינצודרעמלען ביי דער ארבעט. די גרעסטע צרות האָט פון אים געהאַט זיין ווייב, זי האָט אים גע־דאַרפט האַלטן אין איין וועקן. מיכאל, דו שלאָפסט שוין ווידער? און מיכאל גיט זיך אַ כאַפּ אויף, הויבט אויף דעם קאָפּ, גיט אַ קוק אויף דער ווייב און דרעמלט ווידער. אַ נאָמען האָט ער געהאַט פאַר אַ שטאַרקן באַלמעלאָכע. אַז מיכאל האָט איינגעניית אַ קנעפּל, האָט דער בגד געקאָנט צעפאַלן, אָבער דאָס קנעפּל האָט זיך גע־האַלטן.

חוץ שניידעריי, האָט מיכאל זיך אויך פאַרנומען מיט שע־רעריי און שטעלן באַנקעס פרייטאָג אין באָד. און פונקט ווי ער איז געווען לאַנגזאַם ביי שניידעריי, אַזוי לאַנגזאַם איז ער אויך גע־ווען ביים שערן. טרעפט אַמאָל אַז מיכאל גייט אָפּשערן דעם רב פון שטעטל. און ווי זיין שטייגער איז געווען, שערט ער און כאַפּט אַ דרעמל, כאַפּט זיך אויף און שערט ווייטער, און דער רב, קאָנטיק, האָט אַזוי זיצנדיק אויך איינגעדרעמלט. מיט אַמאָל גיט זיך דער רב אַ כאַפּ: אַי, אַ צרה, עס פעלט אים אַ פאה. מיכאל! שרייט ער אויס אַ פאַרציטערטער, וואָס האָט איר געטאָן! איר האָט דאָך מיר אָפּגעשאָרן אַ פאה!

מיכאל איז געבליבן שטיין ווי צעמישט און ניט געוווסט וואָס צו טאָן. ווען ער וואָלט געקאָנט אַראָפּנעמען אַ פּאה פון זיך און עס אָנטאָן דעם רבין, וואָלט ער עס אוודאי געטאָן. רבי! האָט ער פאַרצווייפלט אַ זאָג געטאָן, אפשר אָנקלעפּן די פאה ביז עס וועט אָפּוואַקסן אַן אַנדער פאה?...

אַ לאַנגע צייט איז דער רב ארומגעגאַנגען אויף איין פאה. און אויב עס איז געווען אַ רחמנות אויפן רב, איז געווען נאָך אַ גרע־סערער רחמנות אויף מיכאלן. ער איז שיער ניט אַראָפּ פון זינען פון פאַרדרוס. פון דעמאָלט אָן האָט מיכאל אויפגעהערט צו שערן דערוואַקסענע און האָט גענומען שערן קינדער. ביז עס האָט ווידער פּאַסירט אַז דרעמלענדיק האָט ער באַלד אָפּגעשניטן אַ קינד דעם אויער. דאַן האָט ער באַשלאָסן אָפּצוגעבן די שערעריי און איז געבליבן ביי שניידעריי און שטעלן באַנקעס...